№ 37 · פרייז 20 גראָשען · „CZENSTUCHOWER CAJTUNG"
Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 13 września 1935 · ליכט-צינדען 5.42 · פרייטאג פ׳ כי תבא ט״ו אלול תרצ״ה.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

די גבאים פון דער חברה

„סומך נופלים"

מאכען בעקאנט, דאס היי-יאהר ווערט געדאַווענט אין די ימים-נוראים

מיט די בעסטע בעלי-תפלות

אין זאַל פון „מכבי" קאַטעדראַלנאַ 13.

בילעטען פאַר פרויען און מענער שוין צו בעקומען ביי ה׳ א. שערער, גאַריבאַלדי 22, אין געשעפט און ביי ה׳ מ. ד. גאָטיינער, אַגראַראָווא 4.

בעמערקונג: ערב ראש השנה וועלען די בילעטען זיין צו בעקומען אין זאל פון „מכבי".

Szkoła tańców

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uwaga: Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Ostatnie nowości. Gwarancja wyuczania

אכטונג: יעדען שבת קומט פאָר פראַקטישע לעקציע פריוואַטישע געזעלשאַפט. אַנהויב 8 אָוו. 1-קלאַסיגע מוזיק

אַכטונג ווייעלון!

א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

עלעקטרישע לעמפ, זשיראַנדאַלען

צו זעהר ביליגע פרייזען אויך אלערליי זשאַרובקעס

ווי: אָסראַם, פיליפס, העליאָס צו בעקומען אין זייגערמאכער-געשעפט

משה פערעצאָוויטש, ווייעלון, אווגוסטיאַנסקא 6.

קומט און איבערצייגט אייך.

Z powodu zgonu naszej ukochanej koleżanki **ZOSI KAMIONERÓWNY** najgłębsze współczucie Rodzicom i Rodzeństwu wyrażają

R. Besserówna, E. Łęczycka, R. Ciszanka, M. Herszberżanka, K. Szwarcbardówna, D. Jachimowiczówna, H. Rubinsztajnówna, G. Szpirówna.

Wieluń

Najgłębsze wyrazy współczucia Rodzinie Kamioner z powodu zgonu Ich Córki b. p. **ZOSI** składają:

Jadzia Lewkowicz, Hela Szylit, Mania Zajdman.

Rodzinie Kamioner z powodu zgonu Ich ukochanej Córki, naszej koleżanki **b. p. ZOSI** składają wyrazy serdecznego współczucia

Minia Najman, Celina Szczupak, Sara Bauerc.

Wieluń.

Z powodu zgonu naszej koch. koleżanki **b. p. ZOSI** składają Rodzinie Kamioner wyrazy głębokiego współczucia

Frania Majrancówna, Sara Majrancówna, Mania Orenbachówna

דעם ה׳ **יוסף קאַמיאָנער** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער טאָכטער נ״ע **זיסל** דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

יצחק הערשבערג און פרוי

ZOSIA ICEK · **LEON BERGMAN**

ZARĘCZENI

Tel-Awiw · Częstochowa

dn. 10 września 1935 r.

Z okazji zaręczyn naszej ukochanej siostry NOEMI ICCHAKI (Tel-Awiw) z p. LEONEM BERGMANEM (Częstochowa) życzymy dużo szczęścia i różowej przyszłości w Erec.

Dawid Icchaki z Narzeczoną.

אונזערע ג׳ פריינד ה׳ **הערצקע דראָזשדזשיק** און פרוי

צו דער חתונה פון זייער ליעבער טאָכטער

אסתר מיט ה׳ **יעקב הערשליקאָוויטש**

ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען.

ב. באָטשאַן און **פאַמיליע.**

Z intencji zaślubin p. ESTERY DROŻDŻYKÓWNY z p. JAKÓBEM HERSZLIKOWICZEM dużo szczęścia i radości życzy

M. MERYN.

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej GENI HERCÓWNY z p. CHAIMEM SZAJNEM życzymy wiele szczęścia i radości.

LUDWIKOWIE BEIGELE.

Koledze naszemu JAKÓBOWI RZEZAK z okazji zaręczyn z p. TOLĄ ZEMLÓWNĄ życzymy wiele szczęścia i zadowolenia.

Tadek Szczupak z Żoną, Fela Stopnicerówna, Józiek Mrówka, Heniek Ickowicz.

צו דער חתונה פון אונזער זוהן און ברודער

איטשע ראַנטשקע מיט פרל. **געניא לודקעוויטש**

ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און אייביג גליק

עלטערן און ברידער.

אונזער קאָלעגע

איטשע ראַנטשקע מיט פרל. **געניא לודקעוויטש** צו זייער חתונה

א הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט ווינשען:

הירש לייב סטיצקי, חיים מאַקאָווסקי, יוסף ויידמאַן.

בעקאַנטמאַכונג.

די קהלה-פערוואַלטונג מאכט בעקאַנט, אז אַנהויבענדיג פון זונטאג, דעם 15 ד. ח. וועלען יעדען טאָג פון 5 ביז 7 אַ זייגער אָוועט

פערדינגען ווערען די פלעצער (שטערט) פון דער שטאָדט-שוהל

פאר מענער און פרויען אויף די ימים-נוראים אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, אלעע 10.

טשענסטאָכאָוו, דעם 12 סעפטעמבער 1935 י.

בעקאַנטמאַכונג.

דער **בוי-קאָמיטעט** פונ'ם **שטאָדטישען בית-המדרש**

מאכט דערמיט בעקאַנט, אַז אין די ימים נוראים הבע״ל וועט אין

ניי-אויפגעבויטען בית-המדרש

געדאַווענט ווערען, אזוי אין מענער ווי אין דער פרויען-אַבטיילונג.

די אַלע, וועלכע ווילען זיך פערזעהען מיט פלעצער אויף די ימים-נוראים דארפען זיך ווענדען פון קומענדיגען זונטאג אָן צו פאָלגענדע פערזאָנען: ה״ה איטשע בער ראָטבאַרט, אַלטער מאַרק, שמואל קאָפינסקי, גלאָז-סקלאַד אָגראָדאָווא 4, ווי אויך אין בית המדרש יעדען וואָכען-טאָג פון 10—1 פאר-מיטאג און פון 3—6 נאכמיטאג.

כל הקודם זוכה!

אין דער **שוהל „אהל יעקב"**

1-טע אַלעע 4

איז דאָ צו פערדינגען פלעצער פאַר מענער און פרויען צו דאַווענען די ימים-נוראים און אַ גאַנץ יאָהר.

רעפלעקטאַנטען קאָנען זיך ווענדען פון זונטאג, דעם 8 וואָכעטאָג אָן און ווייטער פון 4—5 נאכמיטאג אין אונזער שוהל,

די פערוואַלטונג.

אליהו וויגאָדסקי · **שושנה באָמס**

מאורשים

ווילון, אלול תרצ״ה.

אונזער ח׳ **אליהו וויגאָדסקי** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **שושנה באָמס**

ווינשען פיעל גליק

צבי זשולטאַק, גדליה יאַקובאָוויטש,
יוסף קרושיק, יחיאל פילצער.

מיין פריינד **יהודה רינג** און פרוי

צום געבורט פון זייער **זוהנעלע**

ווינשען מזל-טוב און א גרינגע ערציהונג

אליהו קאָרן און פרוי.

מיינע פריינד **שלמה לייזעראָוויטש** צו דער **בר-מצוה** פון זיין זוהן

און **יהודה רינג** צו דער געבורט פון זיין **זוהנעלע**

ווינשען פיעל נחת

אשר מענדלעוויטש און פרוי.

אונזער פערוואַלטונגס - מיטגליעד **שלמה לייזעראוויטש**

צו דער **בר-מצוה** פון זיין **זוהן** ווינשען פיעל ערפרייד

יעקב שאַיאַ און פרוי, אהרן לייב אראָנאָוויטש,
שמואל שאַיאַ, יצחק הערשבערג און פרוי.

דאנקזאַגונג פון ניי-געוועהלטען דעפוטאַט צום סיים, חיעלונער בירגערמייסטער, ה׳ וויטאַלד נאָוויצקי.

PODZIĘKOWANIE.

Wynik niedzielnych wyborów w mieście przeszedł najśmielsze czyjekolwiek oczekiwania.

Udział 85% mieszkańców w wyborach i nieomal całkowite oddanie głosów na mnie stwierdziły, że ludność miasta nadal darzy mnie raczy życzliwością i zaufaniem. Głęboko wzruszony tym objawem, pozwalam sobie na tej drodze złożyć wszystkim znanym i nieznanym przyjaciołom moim jaknajserdeczniejsze podziękowanie.

Szczęśliwy będę, jeśli w dalszej swej pracy dla dobra miasta, powiatu i jego mieszkańców potrafię zachować nadal życzliwość i zaufanie współobywateli. —

Witold Nowicki.

Wieluń 10.IX 35.

האַלאָ! · **ווייעלון און אומגעגענד!**

די דרוקעריי „פּאָספּיעשנאַ"

מ. פייפער, ווייעלון, פּלאַץ לעגיאָנוב № 14

מאכט איבערראַשענד ביליג

וואונש-קאַרטען

אויף ראש-השנה און יום כפור צו זעהר ביליגע פרייזען.

די דרוקעריי „פאָספּיעשנאַ" פיהרט אויס אַלערלעי דרוק-ארבייט, הן יודישע, הן פּוילישע, שנעל, סאָליד, מיט געשמאַק און קאָמפּאַרט לויט דער לעצטער טעכניק און בוכבינדעריי.

ביליגע פרייזען. · קומט און איבערצייגט אייך.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

דערמיט זענען מיר מודיע, אַז ווי אלע יאהר ווערען אויך היי-יאָהר פערקויפט

פלעצער פאַר פרויען צום דאַווענען

אין די ימים-נוראים ווי אויך די גאַנצע ימים-טובים און סליחות

אין לאָקאל פון ביהמ״ד **ד„בית יעקב"** קאַטעדראַלנא 10

וואו עס וועלען דאַווענען בעריהמטע בעלי-תפילות.

די פרויען, וואס ווילען דערהאַלטען זייערע פאַריעהריגע פלעצער ווערען געבעטען זיך מקדים צו זיין, כדי זייערע פלעצער זאָלען נישט פערקויפט ווערען.

פ. ס.: יעדען טאָג פון 4—10 אָוועגד אַמטירט אַ מיטגליד פון ועד אין לאָקאל פון ביהמ״ד. וועלכער פערקויפט פלעצער, וואס זענען גילטיג א גאנץ יאָהר.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

אין דער **חברה „תפארת בחורים"** וואו געפינט זיך אין די **געראַמיגע ליכטיגע זאַלען פון האַנדווערקער - פערבאַנד אלעע 12 №**

איז צו פערדינגען פלעצער אויף די ימים-נוראים פאַר מענער און פרויען.

די בעסטע בעלי-תפלות.

זיך צו ווענדען יעדען טאָג פון 8—9 אָוועגד אין לאָקאל פון האַנדווערקער-פערבאַנד, אלעע 12 №.

צו די ה״ה: מ. בלום און מ. שער.

אונזער שארפסטער פראטעסט.

מיר, פראווינצער, הערען זיך צו שטענדיג מיט דרך-ארץ צו דעם, וואס ווארשא זאגט. זיצען דאך דארט עפיס די חכמים, די וואויל-געלערנטע, די פאליטיקער, וועלכע האלטען דעם פולס פון געזעלשאפטליכען לעבען און אז זיי זאגען אזוי, איז דאך א סימן, אז זיי ווייסען, וואס זיי זאגען.

און טאמער מאכט זיך אמאל, אז דאס, וואס די ווארשאווער זאגען לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל פון די פראווינצער—מאכט מען אויך א שוויג, נישט האבענדיג די דרייסטקייט ארייננצוזאגען דערין אונזער ווארט, האלטענדיג, אז מען וועט אונז סיי-ווי נישט דערהערען און אין בעסטען פאל אונז אויסלאכען אלס „פראווינצער חיות" אדער „קליינקעפעלדיגע נאראנים".

אט האט יעצט א חשוב'ע יודישע צייטונג אין ווארשא, א צייטונג, וואס האלט, אז זי האט א מאנאפאל איבער'ן גאנצען יודענטום אבגעטהון איינע פון די גרעסטע נבלות, העצענדיג געגען דער קאנדידאטור פון פערדינסטפולען ציוניסטישען און יודישען עסקן ד"ר גאטליב: דערמיט האט זי צוגעהאלפען, אז דאס יודישע ווארשא זאל אנשטאט דורך איהם, דעם ד"ר יהושיע גאטליב, פערטרעטען ווערען דורכ'ן אנטיסעמיט אורבאנסקי, און שא-שטיל, קיינער רופט זיך נישט אב, ווי ס'וואלט קיינמאל גאר נישט געשעהן.

און צוריק-געשמועסט, ווער זאל רעדען? אמת, דער „מאמענט" רעאגירט שטארק דערויף, אבער דאס פערשרייט מען אלס קאנקורענץ-צייטונג און מיט'ן יודישען לעזער רעכענט מען זיך ווייניג, האלטענדיג, אז ער איז א גוטער קונה צו פערדייען דאס, וואס זיי, די חכמים און וואויל-געלערנטע פון ווארשא, גיבען זיי צו קייען.

מיר, פראווינצער, ווידער האבען די גאנצע צייט געשוויגען, האלטענדיג, אז מיר וועלען נישט האבען קיין איינפלוס אויף דער גאנצער געשעהעניש, און גלאט מאכען א טומעל – האט קיין זין נישט.

איצט אבער, ווען די דאזיגע נבלה איז אבגעטהון געווארען און די העצע האט געווירקט, קאנען מיר נישט איינהאלטען אונזער עמפערונג און ארויסזאגען דאס, וואס מיר הערען זיך אן פון אונזערע לעזער און סתם-יודען פון דער פראווינץ, מוזען מיר אפען אויסדריקען אונזער שארפסטען פראטעסט געגען די דאזיגע אונפעראנטווארטליכע ווארשאווער חוצפה'דיגע זשורנאליסטען און גיפט-מישער. יא, אזא בעצייכנונג האבען פערדיענט די דאזיגע פעדער-העצער פון „היינט", וועלכע האבען אבגעארבייט אזא ניידערטרעכטיג שטיקעל ארבייס.

מעגט איהר, ווארשאווער „היינט"-זשורנאליסטען, אונז, פראווינצער, אויסלאכען און אונז אנרופען מיט וואס פאר א זידעל-ווערטער איהר ווילט, מיר אבער וועלען אין דעם פאל זאגען וועגען אייך דאס, וואס מיר טראכטען.

מיר גלויבען אייך פון יעצט-אן נישט, מיר האבען פערלוירען צו אייך דעם צוטרוי, אויב איהר האט געקאנט צוליעב קליינליכע פערזענליכע חשבונות אזוי האנדלען געגען אזא פערזענליכקייט, ווי עס איז ד"ר יהושיע גאטליב, קאנען מיר אייך שוין ביי אנדערע ענינים אויך נישט גלויבען, ווייל מיר קאנען שוין נישט מבחין זיין בין טוב לרע פון אייער שרייבעכץ.

אייער פרעדיגען וועט מעהר קיינעם נישט איבערצייגען, און מיר פראווינצער, וועלכע האבען זיך שטענדיג צוגעהערט צו אייערע רייד און אייך געקוקט אין מויל אריין, וועלען זיך פון אייך פולשטענדיג אבקעהרען.

די דאזיגע שארפע ווערטער האבען מיר אפען אייך ארויסגעזאגט און דערמיט אויסגעדריקט די מיינונג, וועלכע די פראווינצער יודען האבען בעקומען וועגען אייך ווארשאווער, נאך דער דאזיגער נבלה, וואס איהר האט אבגעטהון אין צוזאמענהאנג מיט די סיים-וואהלען.

נישט בלויז די 11726 ווארשאווער וועהלער, וועלכע האבען געשטימט פאר ד"ר גאטליב, וועלען אייך דאס נישט מוחל זיין, נאר אויך צענדליגער

דער ענדגילטיגער רעזולטאט פון די וואהלען צום סיים אין אונזער קרייז.

אלס דעפוטאטען פון טשענסטאכאווער קרייז געוועהלט געווארען: מיניסטער פאטשארקאווסקי און דיר. קאבילעצקי.

דער טאג פון די סיים-וואהלען האט זיך אונטערשיידעט פון די ביז-יעצטיגע סיים-וואהלען דערמיט, וואס אין די גאסען האט מען נישט געזעהן די גרויסע פראפאגאנדע ווי אמאל. מען האט נישט געטראגען קיין טראנספעראנטען, נישט בעווארפען די גאסען מיט נומערלעך, נישט געריסען די וועהלער ביי די פאלעס, נור שטיל, רוהיג איז זיך דער עולם געגאנגען צו די וואהלען.

באלד אין דער פריה, נישט קוקענדיג אויפ'ן רעגען, האט מען אין א סך אבוואדען געטראפען מעהרערע וועהלער, אין די יודישע ראיאנען, הויפטזעכליך יודען, וועלכע האבען מעהרסטענס ארייגעלעגט צעטלען אהן שום צייכענס אדער פאסיקלעך אויף די וואהל-צעטלען. אין מענכע אבוואדען האבען די פארזיצערס געפרובט מאכען שוועריגקייטען די יודישע וועהלער צוליב די נעמען, וואס זענען בטעות פערדרעהט געווארען אין די וועהלער-רשימות, נאר נאכדעם, ווי דער הויפט-וואהל-קאמיסאר ריכטער טושטשינסקי האט פערזענליך אויף דער אינטערווענץ פון יודישען וואהל-קאמיטעט בעזוכט מעהרערע וואהל-אבוואדען און אויפמערקזאם מאכענדיג די פארזיצערס, אז זיי זאלען צוליב די דערמאנטע סיבות נישט מאכען קיין שוועריגקייטען די יודישע וועהלער, זענען די דאזיגע שטערונגען אבגעשטעלט געווארען.

אין די קריסטליכע וואהל-אבוואדען איז די פרעקווענץ געווען א פיעלשוואכערע, ווי אין די יודישע.

אין פערלויף פון די מיטאג-שעה'ן איז די פרעקווענץ בכלל שוואכער געווארען און ערשט ארום 3 א זייגער האבען זיך ווידער אין די וואהל-אבוואדען בעוויזען מעהרערע וועהלער.

נעכטען איז פעסטגעשטעלט געווארען די צאהל אבגעגעבענע שטימען, וואס זענען אבגעגעבען געווארען אין אונזער קרייז צו די וואהלען צום סיים.

פון די 157.357 וואהל בערעכטיגטע אין אונזער קרייז האבען זיך בעטייליגט אין שטאדט 35.167 וועהלער און 34.954 פון פאוויאט.

פון דעם האבען בעקומען: מיניסטער פאטשארקאווסקי—14.572 שטימען אין שטאדט און 12.039 אין פאוויאט, סך הכול 26:611 שטימען. דיר. וואצלאוו קאבילעצקי—11.916 שטימען אין שטאדט און 7640 אין פאוויאט סך הכול 19.520 שטימען. וואראנטקי 390 שטימען אין שטאדט און 2525 אין פאוויאט סך-הכול 2915 שטימען. בארדזינסקי—523 שטימען אין שטאדט און 3705 שטימען אין פאוויאט סך הכול 4228 שטימען. אלשינסקי—673 שטימען אין שטאדט און 4839 שטימען אין פאוויאט. סך הכול—5512 שטימען. שמידט—2523 שטימען אין שטאדט און 1868 שטימען אין פאוויאט סך הכל 4391 שטימען. יארזשעמבינסקי—4560 שטיטען אין שטאדט און 2384 שטימען אין פאוויאט. סך הכול 6944 שטימען.

אזוי ארום זענען אויסגעוועהלט געווארען אלס דעפוטאטען פון אונזער קרייז די ערשטע הויפט- קאנדידאטען: מיניסטער יעזשי פאטשארקאווסקי און דיר. וואצלאוו קאבילעצקי.

טויזענדער יודען פון דער פראווינץ וועלען טראגען אויף אייך א בייז הארץ און טיף אין דער נשמה וועט שטענדיג בלוטיגען א וואונד צוליעב דער העסליכער טהאט, וואס איהר האט אויסגעפיהרט.

ווייל נישט בלויז דאס יודישע ווארשא האט דערמיט געליטען מפלה, נאר אויך דאס גאנצע פוילישע יודענטום, פאר וועלכען איהר וועט מוזען אבגעבען א דין-וחשבון.

ש.

ווי אין א חלום...

דער הער סיבילסקי, נישט קוקענדיג וואס ער ציילט שוין 80 יאהר, ארבייט שווער אלס דאזארצע אין ווארשא. אט אזוי דערצעהלט ער וועגען זיין גליק: „איך האב קינדער און אייניקלעך און דארף זיי אלע אויסהאלטען. שווער איז אונז אלע, אפילו בעשיידענע „לאכעס" אויף זיך האבען מיר נישט. די איינציגע אבשפארונג — איז דאס פירטעל לאטעריע-לאס נומ. 172997, אויף וועלכען איך האב געוואונען מיין טייל פון די 100.000 זל. עס וועט שוין זיין גוט, ווייל איך האב דאס געלד אין באנק.

דער פרוי סטעפאניוק, א שטוב-ארבייטערין, דאכט זיך אלץ, אז זי חלומ'ט. בשעת דער מלחמה איז זי ארויסגעפאהרען קיין רוסלאנד, וואו זי איז אריינגעפאלען אין א גרויסער נויט, ערהאלטענדיג זיך פון בלויזען גראז. צוריקקומענדיג איז זי געווארען א דינסט. יעצט, איבערלאזענדיג אין באנק 20.000 זל., וועלכע זי האט בעקומען פאר'ן פערטעל לאס נומ. 172997, קלערט זי זיך צו בעזעצען אין איהר פאמיליען-דערפעל אונטער לוקאוו.

די ציהונג פון דער פירטער קלאס וועט דויערן ביז'ן 26-טען ד. ח. עס בעוויזט זיך שוין די 34-טע מלוכה-לאטעריע מיט איהרע מעגליכע געווינסען, וועלכע עס איז אין דער ערשטער קלאס פערהאן 4 צו 25.000 זלאטעס יעדע.

א זיצונג פון שטאדט-ראט.

אין די נאהנטסטע טעג, יעדענפאלס סוף חודש ווזשעשען, וועט דער שטאדט-פרעזידענט צונויפרופען א זיצונג פון שטאדט-ראט, וועלכע וועט זיך פערנעמען מיט'ן אננעמען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1935-36.

די בודזשעט-סעסיע פון שטאדט-ראט וועט דויערן עטליכע טעג.

וואהלעבץ...

עס האט זיך געקאכט (הגם נישט אזוי שטארק) אין וואהל-טאפ און דאס ביסעל געקעכטס'ס איז פערטיג געווארען. מוזען מיר איצט א קוק טהון, ווי אזוי דאס געריכט איז אבגעקאכט געווארען און ווי אזוי עס איז צוגעגרייט געווארען.

א גליק האט אונז געטראפען...

אין דער געשיכטע פון פאליטישען קאמף אויף דער יודישער גאס אין טשענסטאכאוו, מוז מען פערצייכענען אנ'אויסנאהם פאל, דהיינו: אלע יודען זענען געווען פעראייניגט און האבען געבילדעט צו די סיים-וואהלען אנ'איינהייטליכען פראנט. דער קאמיטעט האט געהייסען: „פעראייניגטער יודישער וואהל קאמיטעט", און ס'איז נישט געבליבען ביים בלויזען נאמען, נאר אלע יודען האבען טאקע געשטימט פאר איין און די זעלבע קאנדידאטען, א דאנק וואס זיי זענען אויסגעוועהלט געווארען אלס דעפוטאטען אין סיים.

שמועסט מען, אז דאס אחדות-ישראל איז געווען נאר א דאנק דעם, וואס אויף די קאנדידאטען-ליסטע האבען פיגורירט קיין נישט-יודען; טאמער חס ושלום וואלט עס זיך געהאנדעלט וועגען א יודישען קאנדידאט, וואלט צו קיין שלום צווישען די יודען נישט געקומען, והראיה—ווארשא, וואו ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען יודישע מאנדאטען, זענען שוין געווען 18 קאמיטעטען און זיי האבען בידים צובראכען א יודישען מאנדאט, און גראד דעם בעסטען יודישען מאנדאט.

זענען מיר טשענסטאכאווער יודען טאקע געווען אין א בעסערער לאגע... ביי אונז האט זיך נישט געהאנדעלט וועגען קיין יודישען מאנדאט, איז דערפאר ביי אונז נישט געווען קיין מחלוקת, נאר שלום און אחדות.

א גליק האט אונז געטראפען...
זיי האבען אנ'איינפלוס...

ווי איהר זעהט, טאר מען קיין צייטונג נישט באגאטעליזירען, א צייטונג האט א ווירקונג און א ראיה האט איהר פון ווארשאווער „היינט".

אט די דאזיגע צייטונג, וועלכע דארף שטעהן אויף דער וואך פון די יודישע אינטערעסען, האט אויך ביי די איצטיגע סיים וואהלען געקעמפט מיט מסירות נפש, אז... אנשטאט עס זאל אויסגעוועהלט ווערען דער ציוניסטישער וועטעראן ד"ר יהושיע גאטליב, זאל בעסער אדורכגעהן דער פרעזעס פון די סטרוזשעס, דער כאדעק אורבאנסקי. דער רעזולטאט — אז צוליב אנ'ערך 200 שטימען איז גאטליב דורכגעפאלען, האט ביים „היינט" ארויסגערופען שמחה וששון.

ווי איהר זעהט, מוז מען זיך מיט א צייטונג רעכענען. זיי האבען זייערס אויסגעפיהרט. ער דער „היינט" האט פארט אנ'איינפלוס...

דאס אומגליקליכע שטיקעל בליישטיפט.

ווי בעוואוסט האט מען ביי די איצטיגע וואהלען צום סיים געקאנט זיך אויסקליבען, אויף וועלכע צוויי קאנדידאטען מען וויל וועהלען און צו דעם צוועק, איז אין די קאמיסיעס געלעגען א שטיקעל בלייפעדער, יעדער האט געדארפט מאכען א צייכען פאר וועמען ער שטימט.

אט דאס שטיקעל בלייפעדער האט ארויסגערופען א צעמישונג צווישען די יודישע וועהלער, איבערהויפט צווישען די וועהלערינס.

דער יודישער קאמיטעט האט אנגעזאגט, אז מען דארף נישט שטרייכען, נאר ארייגלייגען דאס צעטעלע, אזוי ווי עס איז, און דא ליגט א שטיקעל בלייפעדער. איז דאס נאך ווייניג, שטיפט גאר דער פארזיצער פון דער וואהל-קאמיסיע דאס שטיקעל בלייפעדער יעדען אין דער האנד אריין און זאגט בפירוש: שטרייכט. שטעהט א יודענע און טראכט זיך: ממה נפשך—דארף מען נישט שטרייכען, טא צו וואס איז דא א שטיקעל בלייפעדער, דאס איז דאך משמע, אז עפעס מוז מען דערמיט טהון. נעמט זי דאס צעטיל אויף דער צווייטער זייט, שרייבט זיך אונטער מיט'ן פולען נאמען און לייגט עס אריין אין דער קאפערט.

אנ'אנדערע ווירער, א „בעוואוסטזיניגע", וועלכע ווייסט, אז זי האט צו שטימען נאר פאר די ערשטע צוויי, נעהמט דאס צעטיל, ווי-נאר מען דערלאנגט איהר דאס שטיקעל בליי אין האנד אריין, פערשטרייכט די אונטערשטע 5 נעמען און לייגט עס אריין אין דער קאפערט.

אזעלכע און ענליכע „מייסטער-שטיק" האבען די וועהלערינס, און צווישען אונז זאל עס בלייבען—אויך וועהלער, אבגעטהון מיט דעם אומגליקליכען שטיקעל בליישטיפט...

אויב אזוי, וועט מען טאקע וועהלען...

שטעהט אנ'ענדעק און מוסרט א יודען, אז ער זאל נישט וועהלען און גיט איהם דערביי צו פערשטעהן אויף אזא אופן:

אויב דער עולם וועט נישט וועהלען, וועט זיך די רעגירונג מוזען אבזאגען, וועלען דאך במילא „אונזערע" קומען צו דער מאכט. אויב איהר וועט אבער יא וועהלען, וועט דאך די רעגירונג בלייבען, וועלען מיר אייך יודען גלאט אויסשעכטען, איז בעסער וועהלט נישט, וועלען מיר אייך נאר בלויז אביסעל צושלאגען... ענטפערט דער יוד אזוי צו זאגען: אז מיר וועלען נישט וועהלען, וועט איהר דאך קומען צו דער מאכט, טא וועלען מיר שוין טאקע בעסער יא וועהלען, כדי איהר זאלט מוזען בלייבען זיצען אינדערהיים...

דער דאזיגער יוד, שמועסט מען, איז טאקע ארומגעלאפען צו אלע יודישע וועהלער אין זיין אבוואוד און זיי געמינטערט צו וועהלען, כדי די ענדעקעס זאלען נישט קאנען קומען צו דער מאכט און נישט בעדארפען טהון קיין טובות...

בעפעהל איז בעפעהל...

א פעראררדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען, אז פון שבת 12 א זייגער מיטאג, ביז זונטאג 12 אויף דער נאכט, זאל מען אין גאנץ פוילען נישט פערקויפען קיין אלקאהאל-משקאות.

די דאזיגע פעראררדנונג איז שטארק אבגעהיטען געווארען און די פאליציי האט קיין איין פראטאקאל נישט געמאכט. פונדעסטוועגען האבען זיך אין דער גאס געפינען צעהנדליגער שיכורים.

פרעגט זיך: פון וואנען האבען זיי גענומען בראנפען? איז דער תירוץ: נו, געה געפון א תירוץ, פון וואנען אפילו ארעסטאנטען, וועלכע טארען נישט רויכערן אין תפיסה, האבען פונדעסטוועגען גאנצע מאגאזינען מיט פאפיראסען, אזוי איז אויך מיט'ן פערבאט צו פערקויפען בראנפען: די שענקען האבען טאקי נישט פערקויפט, געטרינקען האט מען אבער פארט, ווייל בעפעהל איז בעפעהל...

זי ווייסט בעסער...

אין א וואהל-אבוואוד קומט אריין א וועהלערין, וועלכע בעט א קאנווערט. ווען זי דערהאלט א צעטיל מיט א קאנווערט צוזאמען, גיט זי צוריק דעם צעטיל, ערקלערענדיג, אז א צעטיל האט זי שוין איהר אייגענעם, וועלכען זי האט בעקומען אין גאס. באלד בעווייזט זי טאקי דעם צעטיל, א מין וואהל - אויפרוף, אויף וועלכען עס שטעהט געשריבען, אז ווער עס וויל וועהלען אויף די ערשטע צוויי הויפט-קאנדידאטען, דארף נישט שטרייכען.

ווען דער פארזיצער האט איהר אויפגעקלערט, אז דעם צעטיל, וואס זי האט בעקומען אין גאס זאל זי לייגען אין טאש אריין און נאר דעם צעטיל, וואס זי האט בעקומען אנן דער וואהל-ביורא, דארף זי אריינלייגען אין קאנווערט, האט זי שעלמיש א שמייכעל געטהון און איז אוועק מיטביידע צעטלען אונטער'ן פאראוואן.

בעת'ן צעהלען שפעטער אין אווענד די שטימען, האט מען טאקע געפינען אין איין קאנווערט דעם אויפרוף, וועלכען די זעלבע וועהלערין האט דאס בעקומען אין גאס...

ווי עס ווייזט אויס האט זיך די וועהלערין נישט געלאזט איבערצייגען, ווייל—זי ווייסט בעסער...

פליכט און געשעפט...

„אבאזשאנקי שוויזשע"—הערט זיך א קול הארט פאר 9 אין אווענד אויפ'ן הויף פון א וואהל-ביורא און באלד בעווייזט זיך דער פארשוין מיט א ווייסען כאלאט און מיט א קויבער בייגעל אין דער האנד, וועלכער קומט אריין אין ביורא וועהלען.

דער פארזיצער גיט איהם א צעטיל מיט א קאנווערט און דער בייגעלסוחר ערפולט זיין בירגערליכע פליכט—ער וועהלט. ווי-באלד אבער ער האט אוועקגעגעבען די קאנווערט, נעמט ער זיך צוריק צום מסחר און נאך אין דער וואהל-ביורא הערט זיך דאס קול: „אבאזשאנקי שוויזשע". דאס האט ער פארגעלייגט די מיטגלידער פון דער וואהל-קאמיסיע, אז זיי זאלען ביי איהם קויפען בייגעל, האלטענדיג, אז מענשען, וועלכע זיצען פון גאנץ פריה ביז שפעט אויף דער נאכט, וועלען זיין גוטע אבנעהמער פון זיין סחורה.

אזוי ארום האט ער מיט איינמאל ערפולט צוויי מיסיעס: פליכט און געשעפט...

סמאל.

אַביסיניען און די נרחי=ישראל.

צוליב דעם גרויסען אינ-טערעס, וואס אַביסיניען האט יעצט ארויסגערופען אויף דער גאַנצער וועלט איז כדאי איבערצוגעבען א געשפרעך, וועלכען אונ-זער חשוב'ער מיטאַרביי-טער ה' יוסף שאַיאָ פון וויעלון האט געהאט ווע-גען דאָזיגען לאַנד און זיינע (פאַלאשען) מיט'ן בעריהמטען אָריענטאַלישען פאָרשער ד"ר פייטלאָ-וויטש, בעת דער לעצטער האט געוויילט ביי זיין ברודער אין וויעלון.

דער דאָזיגער געשפרעך ווערט איבערגעגעבען אין דער פאָרם פון א שיל-דערונג.

אַביסיניען.

אַביסיניען געפונט זיך אין אפריקא, 10 טאג רייזע פון ארץ-ישראל, פון וואנען מען שיפט אַדורך דאָס רויטע ים און פון יענער זייט פאהרט מען נאָך אַ מהלך פון 800 קלמ. אויף דער יבשה. דאָס לאַנד האלט 1.200.000 קוואַדראַט קלמ. (פוילען 388.000) און האָט אַ שיטערע בעפעלקערונג פון ס"ה 10 מיליאָן נפשות. דער קלימאַט איז זעהר אַ הייסער. דאס לאַנד איז אבער רייך אין הויכע בערג, וועלכע גיבען פיעל שאָטען און קיהלען אָב די לופט. דער טאג איז שטענדיג אַזוי גרויס ווי די נאַכט. קיין בין-השמשות (דעמערונג) איז דאָרט נישט פערהאַן, די נאַכט פאַלט צו מיטאמאל. ווינטער איז דארט אויף אַזוי פיעל, וואס 3 חדשים זענען די נעכט קיהלער. אויך איז פערהאַן 3 חדשים „ימות הגשמים", ווען עס רעגענט גאַנץ אָפט. דאָס לאַנד איז זעהר פרימיטיוו, ווי מיט 1000 יאהר צוריק. שטעדט זענען קנאַפּ פער-האַן, נאר גרויסע דערפער. לעצטענס איז די הויפט שטאָדט אדיס-אבעבא, וואו עס וואוינט דער נעגוס (קייזער) און געוואָרען מאָדערניזירט. אַנדערש ווי די אַפריקאַנישע פעלקער, וועלכע זענען אין דער גרעסטער טייל פון מאַכ-מעדאַנישען גלויבען, האבען די אַבי-סיניער אָנגענומען דאס קריסטליכע גלויבען נאָך פון דריטען יאהר-הונ-דערט אָן. די אַביסיניער זענען אַ קרי-געריש פאלק (היינט ווילען זיי גראַד שלום) און האַלטען פון „על חרבך תחיה". דער פערקעהר קומט דארט פאר אויף מויל-אייזלען (פרדות). לעצ-טענס איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרען אַ באַהן, וועלכע שניידט אַדורך דאס לאַנד. די באַהן געהט נאר ביז טאג.

דאָס לעבען פון די פאַלאַשען.

די יודען, וועלכע ד"ר פייטלאָוויטש האט אנגעטראָפען בעת זיין ערשטער עקספעדיציע קיין אַביסיניען אין יאהר 1904, און וועלכע ווערען דורך דער בעפעלקערונג אנגערופען „פאַלאשען", האבען זיך מיט זייער אויסערליך אויס-זעהען מיט גארנישט אונטערשיידעט פון די איבריגע לאַנדסלייט, אַנגעטהון ווי אַלע דארטיגע, אין לייוועטענע מלבושים און קענען נישט קיין שום שפראַך אויסער אַביסיניש, זיי זיצען אויף דער ערד און בענוצען זיך נישט ביים עסען מיט קיין לעפעל.

אָבער צוקוקענדיג זיך נעהנטער צו זייער לעבען איז צו בעמערקען, אז זיי אונטערשיידען זיך גאָר שטאַרק מיט זייערע אייגענאַרטיגע מנהגים, זיטען און אמונה פון די איבריגע לאַנדסלייט.

די פאַלאשען, וועלכע ציילען היינט אין גאַנצען לאַנד אַנ'ערך 50.000 נפשות, האַלטען אז זיי זענען אריינגעדרינגען קיין אביסיניען נאָך פון נאָכ'ן ערשטען חורבן. ביז זייער ענטדעקט ווערען דורך ד"ר פייטלאָוויטש האבען זיי לגמרי נישט געוואוסט, אז עס זענען נאָך פערהאַן אויסער זיי יודען אויף דער וועלט. זיי זענען געבליבען פער-גליווערט אין זייער אייגענאַרטיגען האַלטען די יודישע מצוות און זיטען אויף אזוי פיעל, וויפיעל עס איז ביי זיי פערבליבען פון די אַמאָליגע צייטען, ווען דער תלמוד מיט זיינע תנאים ומוראים און די אַלע מפורשים האבען נאָך נישט עקזיסטירט, נאָר די טרי-קענע תורה, וועלכע איז ביי זיי פער-בליבען אין דער אביסינישער שפראַך. פונקט ווי זייערע שכנים לעבען זיי און זעהר פרימיטיווע פעדינגונגען. זיי וואוינען אָבגעזונדערט פון די לאַנדס-לייט און בעזונדערע דערפער, פער-נעמען זיך מיט ערד-ארבייט, פיה-צוכט און מלאכה. זיי זענען מאַטעריעליש אָרים. יעדענפאלס שטעהען זיי העכער פון זייערע שכנים און לעבען געוויסער מאָסען בעסער. קיין אָרימע לייט אין אונזער בעגריף איז דאָרט נישט פער-האָן.

זייערע מנהגים.

ווי געזאגט, ווערען די פאַלאשען, וועלכע רופען זיך „בית ישראל", נאָר פון די געבאָטען פון דער תורה און די שפעטערדיגע מצוות און עברות זענען זיי פרעמד. אָבער אויך די מצוות פון לעגען תפלין, טראָגען צצית, אָנקלאַפען מזוזות זענען זיי פרעמד. זיי ווייסען נישט דעסגלייכען פון דאַרפען טראָגען א היטעל בשעת'ן דאַווענען אַדער ביים עסען.

זיי האלטען פון שבת, שלש רגלים, ראש השנה און יום-כפור, פערשטעהט זיך אָהן יום-טוב שני של גליות. דער טערמין פון די ימים-טובים קומט ביי זיי אויס מיט עטליכע טעג גערוקט, ווייל זיי ווייסען נישט פון קיין לוח נאָר קוקען אויפ'ן מולד פון דער לבנה.

דער קרבנות-קולט איז ביי זיי נאָך פערבליבען. זיי זענען אָבער מקריב נאָר קרבן שלמים. די קרבנות ברענגט א יחיד אָדער קהל און ווערען מקריב געווען אין שבתים און ימים טובים אויף א ספעציעל צוגעגרייטען מזבח, וואס געפינט זיך אין יעדען יודישען ישוב. דער כהן, וועלכער דיענט אויך אַלס רב, איז מקריב דעם קרבן, שפרענגט דאס בלוט און דאס פלייש ווערט גע-בראָטען און צוטיילט צווישען אלע יודען אין דאָרף.

דער בעגריף פון כהנים, לויים און ישראלים, ווי ביי אונז, איז ביי זיי נישטאָ, ווייל זיי רעכנען זיך אלס אָבּ-שטאַמונג אויסשליסליך פון שבט לוי.

די דינים פון טומאָה און טהרה ווערט ביי זיי שטאַרק אָבגעהיטען. ווער ס'איז טמא מוז זיין אָבגעשיידט מחוץ למחנה, ערשט אויף דער נאַכט, נאָכ-דעם ווי ער איז זיך טובל אין טייך, איז ער טהור. זיי האַלטען אויך פאַר טמא, אויב איינער ריהרט אָן א נישט-יוד און דער בעטרעפענדער מוז מיט-מאכען די זעלבע פראָצעדור ביז ער ווערט טהור: אפילו ביים מסחר מיט אביסיניער, וועלכער קומט פאַר אין דער פאָרם פון אויסטויש פון איין פראָ-דוקט אויפ'ן צווייטען (מטבעות ווערען זעלטען בענוצט) זענען זיי אויך נזהר נישט אָנצוריהרען דעם נישט-יוד.

קיין יודען-פראַגע איז דאָרט אַלעג-פאָלס נישט פערהאַן.

(סוף קומט.)

יוסף שאַיאָ, וויעלון.

אפל. אדוו. י. קושעפיצקי.

די טענדענצן פון דער נייער שטייער-אָרדינאַציע

דעם 1-טען פאַזדזיערנק 1934 איז אריין אין קראַפט די נייע שטייער-אָרדינאַציע. מיט דעם דאָזיגען מאָמענט זענען די פראָצעדוראַלע, פאָרמעלע פאָרשריפטען, וועלכע בעשטימען אין וועמענס הענד ס'ליגט די אויסמעס-טונג פון די שטייערן, ווי אויך דער אופן פון דער שטייער-אויסמעסטונג, צוזאַמענגעשלאָסען געוואָרען אין איין גאַנצעס, קאדיפיצירטעס געזעץ.

פאַר דער ערשיינונג פון דער שטיי-ער-אָרדינאַציע זענען די דערמאַנטע פאָרמעלע פאָרשריפטען געווען כאַאָטיש צעוואָרפען איבער אנדערע מאַטעריע-לע געזעצען ווי: דאס געזעץ פון הכנסה-שטייער, אינדוסטריע - שטייער א. ז. וו.

די וויכטיגקייט פון דעם נייעם גע-זעץ בעשטעהט קודם-כל אין דעם, וואָס א דאנק דער שאפונג פון אַנ'-איינהייטליכע געזעצגעבונג זענען בע-זייטיגט געוואָרען פיעל יורידישע ספקות, וועלכע זענען נוגע די קאָמ-פעטענצען פון שטייער-אמט און די רעכט פונ'ם שטייער-צאהלער. ס'זענען געשאפען געוואָרען גענויע ראהמען, אין וועלכע די שטייער-מאכט מעג זיך בעוועגען און ס'זענען אָנגעצייכענט געוואָרען גענויע גרעניצען, וועלכע זי טאָר נישט איבערטרעטען. דורכדעם איז קלאָרער און לייכטער געוואָרען די פערטיידיגונג פון שטייער-צאַהלער געגען אַנ'אונגערעכטער שטייער-אויס-מעסטונג.

די גענויע פאָרמולירונג פון די רעכט און פליכטען פון שטייער-אמט פון איין זייט און די רעכט און פליכ-טען פון שטייער-צאהלער פון דער צווייטער זייט זענען אַ פועל-יוצא פון אַ וועזענטליכער, אונגעהויער-וויכטיגער ענדערונג, וועלכע די ניי שטייער-אָר-דינאַציע האט איינגעפיהרט אין לע-בען.

ס'איז אַלגעמיין בעקאַנט דאס די נייע שטייער-אָרדינאַציע האט אָבגע-שאַפט די עקזיסטענץ פון די שאצונגס-קאָמיסיעס, וועלכע זענען בעשטאַנען פון בירגער, פאָרשטעהער פון פער-שידענע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַצ-יעס, און וועלכע האבען געשילדערט די אייגענטליכע אויסמעסטונגס-אָרגאַנען און איבערגעגעבען די אויסמעסטונג פון די שטייערן אין די הענד פון די בעאמטע פונ'ם שטייער-אַמט.

פערברייטערענדיג אין אַזאָ גרויסער מאָס די קאָמפעטענץ פון דער שטייער-מאָכט האט דער געזעצגעבער געמוזט גענוי פאָרמולירען דעם אופן פון אויס-מעסטען די שטייערען, ווי אויך גענוי פרעציזירען די רעכט פון שטייער-צאהלער. די פערברייטערונג פון דער קאמפעטענץ פון דער שטייער-מאָכט און די גענויע פאָרמולירונג פון די געגענזייטיגע רעכט און פליכטען פונ'ם שטייער-אָמט און שטייער-צאָהלער זע-נען די צוויי הויפט-טענדענצן פון דער נייער שטייער-אָרדינאַציע.

יעדער שטייער-צאַהלער מוז די טענדענצן גענוי און קלאָר פער-שטעהן, אום צו קענען אַרויסציהען פון זיי די געהעריגע, פאַר איהם אונ-געהויער-וויכטיגע, פּראַקטישע אויספיה-רונגען.

מיר וועלען זיך בעמיהען, שטיצענ-דיג זיך אויפ'ן געזעץ און מיט געהע-ריגע, קאָנקרעטע ביישפילען די דאָזי-גע טענדענצן צו אילוסטרירען:

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָהנ-טער אויסמעסטונג פון איינקונפטס-שטייער (דאָכאָדאָווע) וועלען מיר זיך בענוצען מיט א ביישפיעל פון דעם דאָזיגען געביעט: אין די לעצטע טעג זענען צושיקט געוואָרען צו די שטיי-ער-צאהלער אויפפאָדערונגען צו בע-גרינדען זיי אויפגעגעבענע סומע פון איינקונפט פאר'ן יאהר 1934.

די האַנדלונג פון דער שטייער-מאָכט דריגגט ארויס פון אַרט. 76 א. אנד. פון דער שטייער-אָרדינאַציע, וועלכע זעהען פאַר די פליכט פון שטייער-אַמט צו שטיצען די שטייער-אויסמעסטונג אויף אַ פאַקטישען מאַטעריאַל.

די ערקלערונגען פון דעם שטייער-צאָהלער זענען טאקי דאט וויכטיגסטע,

---

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אַ שפּאַציער איבער דער פּראָווינץ.

האָרט פאר די וואהלען צום סיים איז מיר אויסגעקומען צו מאַכען אַ שפּאַציער איבער אַ רייהע שטעדטלעך פון טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט, וואו כ'האָב אייפגעכאַפט עטליכע בילדלעך, וואס זענען ווערט פערעפענטליכט צו ווערען.

לעבען אַ פאַר טויזענד יודען אין אונזער פּאָוויאַט, טאָ פּאָרוואָט זאָלען זיי אויך נישט אַמאָל, כאָטש איינמאָל אין יאָהר, די „זכיה" האָבען צו פער-נעמען די שפּאַלטען פון „וואָס געהערט און געזעהן".

מהאי טעמה האָב איך טאַקע בע-שלאָסען זיי צו ווידמענען עטליכע שורות.

טרוסקאָלאָס.

אַנ'עדה יודען פון אַ 70 פאַמיליעס, וועלכע לעבען פון געהן אין דאָרף און דאָס איבריגע — „זאָל גאָט העל-פען".

דער שרייבער פון די שורות גע-דענקט דאס טרוסקאָלאָס מיט 30 יאָהר צוריק, ווען די דאָרטיגע יודישע בע-פעלקערונג האָט זיך געלעבט רוהיג און שטיל. מיין זיידע, וועלכער איז דאָרט געווען שוחט, האָט זיך פראַנק און פריי בעוואויגען, געגאַנגען אין אַלע דערפער שחט'ן און נישט מורא געהאַט, אז ס'וועט איהם טרעפען אויפ'ן וועג עפּיס שלעכטס. היינט אָבער איז טרוסקאָלאָס אַ מקום מוכן לפרעניות, די יודען ווערען דאָרט כסדר טעראָריזירט פון די ענדעקישע כוליגאַנעס און כמעט יעדען טאָג ווע-רען אויסגעהאַקט שויבען אין יודישע פענסטער און ס'ווערען אויך נישט גע-שוינט קיין יודישע קעפּ.

אין טרוסקאָלאָס, אַזוי ווי אין אַלע אנדערע קליינע שטעדטלעך האָבען די יודען זיך ליעב אָרומצוקריגען, אָבטהון להכעיס'לעך, און טאָמער זאגט איינער: „יעלה", מוז דער אַנדערער זאָגען „לא יעלה".

אין טרוסקאָלאָס בין איך געווען קאָרגע מינוטען, פונדעסטוועגען האָב איך שוין געהאָט די מעגליכקייט אויפ-צוכאַפען אַנ'אינצידענט, וואס איז דאָרט פאָרגעקומען צווישען אַ בעל-הבית מיט'ן שטעדטילשען מלמד.

די מעשה דערצעהלט זיך פאָלגענד:

הירשל ק., אַ שניידער, האט אַ טבע איין חודש פאר יום-טוב אוועקצונעמען זיינע 2 יונגלעך פון חדר, כדי ער זאָל נישט דאַרפען צו בעצאָהלען פאר די יום טוב-צייט. קומען אָבער גלאַט אָבנעמען די קינדער אָהן אַ תירוץ, האט דאך קיין טעם נישט, זוכט ער דעריבער אויס פערשידענע תירוצים. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז איין יונגעל פון ר' הערשיל ק. האָט זיך צושלאָגען מיט אַנ'אַנדער יונגעל, האט איהם דער רבי נאַטירליך געשטראָפט. איז ר' הירשל ק. געקומען צומאָרגענס אין בית המדרש אַריין, צוגעלאָפען צום מלמד, בעת ער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין, און איהם אַראָבגע-לאָזט אַ פּאַטש איבער'ן גאַנצען פנים, אַזוי אַז די תפילין זענען דעם מלמד באַלד אַראָב פון קאָפּ און ער איז גע-בליבען שטעהן אַ צובלוטיגטער. אַז ק-ס יונגלעך געהען נישט אין חדר — איז זעלבסטפערשטענדליך, נאָר אַז דער מלמד וועט שוין נישט בעקומען בעצאָהלט, קאן מען שוין אויך פער-שטעהן.

באַלד האָבען זיך געשאַפען צדדים און דאס מאָנאָטאָנע טרוסקאָלאָס האט א סענסאַציע וועגען וואָס צו רעדען.

פּזשיסטאַן.

צעהן קילאָמעטער פון טרוסקאָלאָס, וואוינען עטליכע צוואַנציג יודישע פאַ-מיליעס, וועלכע לעבען פון געוועלבלעך און פון געהן אין דאָרף.

אין געגענזאַץ צו דער אַנטיסעמיטי-שער העצע, וואָס הערשט אין טרוס-קאָלאָס, לעבען דאָרט די יודען מיט די קריסטליכע שכנים בשלום.

די גמינע געהער צו קרזשעפּיץ, און אַלע יודישע רעליגיעזע ענינים ווערען ערלעדיגט אין קרזשעפּיץ.

זיי פערמאָגען אַ בית-המדרש, א מקוה און אַנ'אייגענעם שוחט.

קרזשעפּיץ.

דאָ וואוינט אַ יודישע בעפעלקערונג פון 350 יודישע פאַמיליעס.

אין קרזשעפּיץ זענען פערהאַנען אַלע פאַרטייען, וואס זענען נאר דא אויף דער יודישער גאַס, אַלע אָבצווייגונגען פון ציוניסטען, ווי אויך סאָציאַ-ליסטען, „אגודה", אונפאַרטייאישע חסידים, „מזרחי" און דאָן — קליינ-הענדלער, האַנדווערקער אז"וו אז"וו.

וועגען פאַרטייאישען לעבען אין קרזשעפּיץ, וואָלט געווען אַ סך צו שרייבען, ווארום די האַנדווערקער-אָר-גאַניזאַציע אַליין איז צוטיילט אויף צדדים און ס'וועט גענוג זיין נור איין כאַראַקטעריסטישער פאַקט: בעת מען האט אויסגעוועהלט אַנ'אַלגעמיינעם יודישען קאָמיטעט צו די וואהלען צום סיים, זענען אויך אַריין אין קאָמיטעט צוויי פאָרשטעהער פון די האַנדווער-קער, איז באַלד געקומען א האנדווער-קער-דעלעגאַציע און ערקלערט, אַז זיי בעשטעהען נישט אויף די דאָזיגע פאָרשטעהער, נאָר זיי גיבען אויף אַנ-דערע נעמען.

דאַן איז אויך נישט אין אָרדנונג אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דאסמאל וויל איך אָבער נאר דערצעהלען איין פאַקט און דאס וועגען דער ציוניסטי-שער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז גע-בליבען אָהן אַ לאָקאל צוליעב פאָל-גענדע סיבה:

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קומען שוין לאַנג פאר געשלעגען און קריגערייען צווישען די מיטגלידער און דאס האט צוגעפיהרט, אַז זיי האָ-בען נישט געהאט צו בעצאָהלען קיין דירה-געלד. דער בעל-הבית, זעהענדיג, אַז ער קען פון זיי קיין געלד נישט אַרויסבעקומען, האט ער געבראַכט אַ קאָמיסיע, וועלכע האט אנערקענט, אַז די טרעפּ, וואָס פיהרען צום ציוניסטי-שען לאָקאל, זענען בוי-פעליג, און מען האט זיי טאַקע אוועקגענומען.

קיין אַנדערע מאַכט ער יעצט נישט, דער הויז-ווירט, ביז מען וועט איהם פריהער נישט בעצאָהלען, זענען די ציוניסטען במילא געבליבען אָהן אַ לאָקאַל.

אין די אַלטע צייטען האבען זיי נאָך געהאט אַ מעצענאַט, וועלכער האָט ביי יעדער געלעגענהייט אַרויס-געבאָרגט אַ פאַר גילדען. לעצטענס אָבער האט ער זיך פון דעם אויך אָפּ-געזאָגט, האָבען זיי דעריבער אפילו נישט קיין האָפנונג צו קומען צו אַ לאָקאָל.

רופט מען זי טאָקע אין קרזשעפּיץ— די היימלאָזע ציוניסטישע אָרגאַני-זאַציע.

קלאָבוצק.

כמעט אזא בעפעלקערונג, ווי אין קרזשעפּיץ, און כאָטש קלאָבוצק איז א סך נעהנטער קיין טשענסטאכאוו, ווי קרזשעפּיץ, האט זי פונדעסטוועגען נישט אזוי פיעל פּאַרטייען, ווי קרזשעפּיץ, אויבוואָהל מען קאָן גישט חושד זיין קלאָבוצק, אז זי איז נישט קולטורעל....

קלאָבוצק איז דורך און דורך אנטי-סעמיטיש. די יודישע בעפעלקערונג לעבט דאָרט אין א שטענדיגען פחד. אויף דער נאַכט געהט קיין יוד נישט ארויס אין גאָס אַריין, אז ער זאָל נישט בעפאַלען ווערען פון כוליגאַנעס.

אָפט טרעפט, אז א באַנדע כוליגאָ-נעס פאַלען אָן אויפ'ן שטעדטיל און האַקען אויס א פאַר הונדערט שויבען פון יודישע פענסטער און נישט קוקענ-דיג דערויף, וואס מען האלט אין איין אינטערוועניר ען ביי דער מאַכט, הערען די אָנפאַלען נישט אויף.

האָרט פאַר די וואהלען צום סיים האבען זיך די עקסצעסען ווידערהאָלט, מען האט ווידער אויסגעהאַקט עטליכע צעהנדלינג שויבען און אויך געשלאָגען יודען.

פון די שוחטים-צרה, פון וועלכער קלאָבוצק האט געליטען א פאַר יאהר כסדר, זענען זיי שוין פטור. היינט זע-נען דאָ 2 פרישע שוחטים, וועלכע לעבען בשלום סיי מיט'ן רב, סיי מיט

פאקטישע מאטעריאל צו דער שאצונג.

כדי אבער די דאזיגע ערקלערונג און בעגרינדונג פון דער ערוואַרבענער הכנסה זאל זיין אין א געוויסער מאס בינדענד פאר דער שטייער-מאכט און זאל קענען עווענטועל שפעטער דיענען פאר א שטיץ-פונקט צו דער פערטיידיגונג געגען א צו-הויכער שאצונג, מוז זי זיין גענוי פארמולירט און מוז זיך שטיצען אויף בעווייזען.

ווען דער שטייער-צאהלער ענטפערט, צום ביישפיל, אויף דער דערמאנטער אויפפאדערונג מיט אויפגעבען נור א געוויסע סומע „דאכוד נעטטא" האט אזא ערקלערונג קיין ווערט נישט.

כדי די דאזיגע ערקלערונג, זאל האבען די געהעריגע בעדייטונג, מוז זי ענטהאלטען פאלגענדע פאזיציעס:

1) די אלגעמיינע סומע איינקונפט ברוטטא, אז. ג. „פרזיכוד" מיט א געהעריגער בעגרינדונג, ווי אזוי זי איז געוואָרען בערעכטיגט (פון וועלכע קוואלען, ווי גרויס ס'איז דער אומזאץ, דער פערדיענסט-פראצענט א. ז. וו.);

2) א גענויע צוזאמענשטעלונג פון די ערווערבונגס - און פערזיכערונגס-קאסטען פון „פרזיכוד" (האנדעלס-אויסגאבען);

3) אלערליי שטייער-צאהלונגען ווי אויך פראצענטער פון חובות.

ס'מוז אויך בעמערקט ווערען, דאס יעדע אויסגאבע מוז פיגורירען בעזונדער און זיין געשטיצט מיט א בעווייז (רעכנונגען, דאקומענטען א. א.)

נאר קלאר צונויפגעשטעלטע ערקלערונגען קענען האבען די געהעריגע בעדייטונג און אונמעגליך מאכען א פרייע אויסמעסטונג דורכ'ן שטייער-אמט.

מיר האבען זיך היינט אבגעשטעלט אויף דעם אקטועלען ביישפיעל, אום צו בעווייזען, אז דאס געניסען פון די רעכט, וועלכע די שטייער-ארדינאציע גיט דעם שטייער-צאהלער איז אבהענגיג אין דער ערשטער רייה פון דער גענויער צופאסונג פון שטייער-צאהלער צו די געהעריגע פארשריפטען.

אין די ווייטערדיגע ארטיקלען וועלען מיר ברייטער און גענויער דעם געדאנק ענטוויקלען.

פ. בלומענקראנץ.

גאליציאנער ישובים.

(איינדרוקען פון א גאסט אויף א ווייל).

I

קראסנא.

כידוע האלטען זיך די געוועזענע „כיר"ה"-אונטערטאנער פאר'ן שאור שבעסה, פאר'ן אויבערשטען פון שטייסעל. מילא – לאז עס זיי וואויל בעקומען.

נור ס'איז אבער שווערליך: אויב אזוי, פארוואס געפינט זיך נישט אין גרעסערע יודישע ישובים, ווי א שטייגער אין דער שטאדט קראסנא (10.000 איינוואוינער) קיין איין מענש, וואס זאל זיך מטריח זיין און צונויפזאמלען עפיס וועגען דארטינען יודישען ישוב?

לאמיר אבער געהן כסדר.

די שטאדט מיט'ן דערמאנטען נאמען געפינט זיך אנ'ערך צוויי שעה רייזע פון סטרוזשע און איז די לעצטע סטאציע פאר איוואניטש (פאהרענדיג פון דער קראקאווער ריכטונג). אויב מיר זאלען דערצעהלען וועגען איהר אויסערליכקייט, קען מען עס מאכען בקצור: אונזערע שטעדט געזאגט אזא ציכטיגקייט און אזעלכע ברוקען מיט טראטוארען! און נישט נור אין צענטער-שטאדט נור אויך אין די זייטען-גאסען און געסלעך.

איהר ווילט א בעווייז? – תיכף ומיד.

ווי איז נאך דא מעהר ברודיגקייט ווי אין די שוהל-גאסען? געה איך טאקי דארט אהין און – „פלאי פלאים": דאס בית-המדרש בעזיצט א גרויסען הויף און מ'געהט אראפ אין צוויי זייטען אויף טרעפ (פארוואס אראפ? – מסתמא צוליב'ן ממעמקים קראתיך). דער הויף האט אינמיטען – גרינס בשפע און ארום אויסגעפלאסטערט כהלכה, פשוט מעשה נייע סינאגאגע. ווען נישט דער טראדיציאנעלער אויפשריפט ביים בית-הכסא אין א פערדייטשט לשון, וואס דראהט אפילו מיט פאליצייאישע סאנקציעס, וואלטען מיר פערגעסען, אז מ'איז אין א ביה"מ פון א קליינעם ישוב...

נו – טראכטען מיר – אויב יא אזוי, דארפט מען א שמועס-טהון מיט די „יודע-חן" וועגען די דארטיגע טויטע און, המבדיל לחיים, לעבעדיגע יודען, מחלוקות, פארטייען וכדומה.

זוכענדיג אזוי טרעפען מיר אן אויף א פוילישער בוך-האנדלונג, כאפען מיר א שמועס. וויל ער זיך אבער גרויסען (אדער ער האט נישט געוואוסט) און פערגרעסערט די דארטיגע בעפעלקערונג תוך כדי דבור פון צעהן אויף צוואנציג טויזענד (משמעות אנ'עושר, וואס צעהן טויזענד איז ביי איהם קיישפיי).

האט מיר דאך געזעהן, אז דער „קולטור-פערשפרייטער" האט א צוגרויסען פערנעם פאר אונזער השגה, האבען מיר זיך דערמאנט נאך נאכוועכניש אין א היימישען (לויט'ן פאך)–אין דארטיגען קהלה-סעקרעטאר.

– ווי אזוי מיר פאלען אויף אזא געניאלער המצאה? וועט איהר פרעגען– גאר פשוט: ווי איהר ווייסט האט יעדער גרעסערער ישוב אזא אינסטיטוציע, וואס רופט זיך יודישע גמינע, און יעדע גמינע ווידער האט א סעקרעטאר, צו וועמען די פערזארגטע און בעזארגטע רוע'צאן לאזען אויס זייער כלל-ישראל-כעס.

געזאגט און געטהון!

אזוי ווי מיר קומען אריין אין פרוזדור פון דער קהלה-הקדושה, בעמערקען מיר א טאוועל, אויף וועלכער אלע דאזארעס, שיחיו, זענען אויסגערעכענט מיט זייערע פונקציעס און דער סעקרעטאר, פינק שמו – בתוכם, (און ריכטיג איז דער מנהג, ווארום אויב א יוד איז שוין זוכה צו ווערען דער שליח-צבור, פארוואס זאל ער נישט הענגען... אויף דער וואנד למען יראו ויתקנאו).

ווילען מיר פון סעקרעטאר געוואויר ווערען עפיס וועגען דארטיגען יודישען ישוב – ווייסט ער נישט. אמת, ער איז טאקי פון 1912 י. סעקרעטאר, נור ער האט בילכערע ענינים צו ערלעדיגען: ס'איז גלייכער צו קלערען ווי אזוי ארויסצוקריכען מיט דער פענסיע, ווייל סוף יאהר וועלען די דאזארעס מבטל מאכען זי כעפרא דארעא (די דארטיגע קהלה האט געשטראכען די שוחטים די פערלעגענע פענסיעס בהסכמת המלכות).

פרעגען מיר דעם דאזיגען הערר פינק, מעשה זשורנאליסט:

– ווי אלט איז דער היגער ישוב?

– צירקא 70 יאהר – ענטפערט ער נאך אנ'עיון.

– ווי לאנג בעגראבט מען שוין יודען אין קראסנא?

ער רעכענט, קנייטשט דעם שטערען און שטעלט פעסט מיט אבסאלוטער זיכערקייט, אז יודען האבען שוין די זכיה צו ליגען אין דער קראסנער ערד 28 יאהר (פריהער בעגראבען אין קארטשין).

– און פאר די 70 יאהר האבען יודען גארנישט געהאט קיין חשק צו וואוינען אין קראסנא?

אבער דא לאזען זוך אויס זיינע ידיעות. ער דערצעהלט, אז אין 17 יאהרהונדערט איז אין קראסנא געווען א גרויסער יודישער ישוב, נור דאמאלס איז פארגעקומען א גירוש און יודען זענען ערשט צוריקגעקומען אין פערגאנגענעם יאהרהונדערט.

– ווער האט די יודען פערטריבען?

ליידער קען ער נישט געבען קיין תשובה אויף דער פראגע (ער האט נעביך צו קלערען וועגען שפעטערדיגע יאהרען, וועגען אויגוסט 1935...)

* * *

יודען גרויסען זיך אין קראסנא – אויסער מיט די אלגעמיינע גאליציאנישע גרויסענישען – מיט צוויי זאכען: מיט א הויז וואו ס'האט געוואוינט אדער געבויט געווארען דורך קאזשימיערזש ווועלקי (14 י"ה) און מיט א פאבריק פון גומי מיט'ן נאמען „וואודע-טא" (יאהר 1929).

דאס הויז, וואס איז געבויט געווארען בפקודת אסתר'קעס אדאראטאר, שטעהט אין מארק. אויסער דער ארנאמענטיק ארום טויער איז קיין שום בעזונדערעס נישט בעמערקבאר. איניווייניג ברודיג, פינסטער, מיט א קרומען אנלען פון ווייסע ברעטלעך, וואס שטאמט מסתמא פון א קראסנער האלץ-פלאץ פון יאהר 1933...

ווייל דאך יעדענפאלס א פרעמדער וויסען ווי אזוי פאלט אויס דער גרויסער קאזשימיעזש צו בויען א הויז דוקא אין קראסנא און נישט צ. ב. אין טשענסטאכאוו?–א נעכטיגער טאג. דאס וועט איהר נישט געוואויר ווערען. דאס יונגווארג פלירטעוועט (אלץ הייסט געפלירטעוועט)!, פאהרט קיין איוואניטש און פערקויפט אין די הפסקות שקלים (אדער דינרים), און דאס אלטווארג–האנדעלט מיט רינגלעטען, מאנופאקטור און נאפט.

לאזען מיר טאקי שטעהען דאס פערצענטע יאהרהונדערט און מ'גיט זיך א כאפ אריבער אין דער קאלאשען-פאבריק פון יאהר 1929.

דא ווערען מיר אלץ געוואויר כהרף-עין (נאך אנדערהאלבען שעה ווארטען) און דהיינו: אז די פאבריק בעשעפטיגט 800 ארבייטער (אגב א סך יודען), מיר זעהען ווי אזוי קאוטשוק ווערט מגולגל אין א גרויסען מענער-קאלאש פאר וואלינער כלאפעס און קליינינקע „דעשטשובקעס" פאר „סובטעלע" דאמען און נאך טשעקאווע זאכען.

דער סימפאטישער בעגלייטער ווייזט מיט גאוה, אז אין דער דאזיגער פאבריק איז איינגעפיהרט ביי דער ארבייט דער פארד-סיסטעם (טאשמע-סיסטעם) און במילא קען קיין ארבייטער נישט אין זין האבען קיין נארישקייטען (אונזער אויספיהר), ווארום וועט ער פייגעלעך האבען אין קאפ בלייבט ער הינטערשטעליג (אגב: א גלענצענד בילד פון דעם דאזיגען ארבייטס-סיסטעם האט געגעבען קליער אין בילד „זאל לעבען די פרייהייט").

* * *

כ'וואלט נאך געקענט דערצעהלען וועגען דאזיגען ישוב, וועגען התנהגות פון די דארטיגע יודען וועגען זייער גן-עדיש קהלה-לעבען (פון איין זייט צאהלט מען נישט קיין עטאט: 50 זל. די גרעסטע קאטעגאריע, און פון דער צווייטער–לאזט די מאכט סובסידירען קרן-היסוד, קרן-הישוב א. ז. וו.) און נאך און נאך. אבער ס'וועט דערווייל גענוג זיין (אפילו גאליציאנער קענען זיך צועסען, הלמאי מארציפאנעס?) איבערהויפט בעת גאליציע האט נאך אהן עין-הרע א סך יודישע ישובים (כן ירבו) און וועגען מאנכע וועט אפשר נאך אויסקומען צו שמועסען.

קהל.

קאמיק.

אנ'אלטע קהלה, וועלכע האט געליפערט קיין טשענסטאכאוו הונדערטער פאמיליעס, פונדעסטוועגען איז קאמיק געבליבען דאס קליינטשיקע שטעדטעלע מיט א פאר מנינים יודען

ווי אומעטים זענען אויך אין דער קליינער קהלה פערהאן מחלוקות צווישען רב און דאזארעס.

שוין העכער 20 יאהר, ווי די קאמיקער שוהל האלט ביים איינפאלען, פונדעסטוועגען האט זיך נישט געפונען קיינער, וואס זאל זיך נעמען זי צוריק אויפצובויען. ענדליך היי-יאהר, ווען די צופוילטע בעלקעס האבען זיך שוין אנגעהויבען צו צעפאלען, זענען די קאמיקער צוגעטרעטען זיי אביסעל אונ-הויבען מאכען א זאמלונג, און היות ווי די קאמיקער קהלה איז צו ארים צו אזא בנין. האבען זיי זיך אויך געוואנדען צו די קאמיקער לאנדסלייט, וואס וואוינען אין טשענסטאכאוו און ווי זיי האפען וועט זיי געלונגען צו בעקומען אביסעל געלד.

די קאמיקער דאזארעס האבען אויסגענוצט דאס, וואס אין קאמיק זענען געווען עטליכע פארשטעהער פון דער טשענסטאכאווער קהלה זיי צו אגיטירען צו די סיים-וואהלען, האבען זיי זיך געוואנדען ביי דער געלעגענהייט צו די טשענסטאכאווער קהלה מיט א ביטע זיי ארויסצוהעלפען אין זייער ביטערער לאגע, און זיי אונטערשטיצען מיט א געוויסער סומע פאר'ן בנין פון דער קאמיקער שוהל...

אלשטין.

ווי קליין די אלשטינער קהלה איז– הערשען דארט אבער גרויסע מחלוקת, וועלכע האבען, אמת, נישט קיין וועלט-פערנעהם, פונדעסטוועגען אבער קריגט מען זיך ארום. זאגט איינער, אז מען דארף אויפשטעלען א מקוה, זאגט דער צווייטער–בעסער א בית-המדרש; זאגט דער דריטער אזוי, זאגט דער פיערטער דוקא אנדערש, הקיצור, אין קליינעם אלשטין איז אויך פון צייט-צו צייט חיימליך.

איין אינסטיטוציע פערמאגט אבער אלשטין, וואס פערדיענט געלויבט צו ווערען, און דאס איז די גמילות-חסדים-קאסע, וואס ווערט טריי אבגעהיטען פון איהר גרינדער און פרעזעס ה' קארטוז.

די דאזיגע קאסע איז א מיטגליד אין „צעקאבע" אין ווארשא, וואו זי בעקומט אויך הלוואות און ווערט פעררעכענט אלס איינע פון די בעסטע קאסעס אין פוילען.

אויפ'ן גמילות החסדים פראנט אין אלשטין זענען אויך שוין אפילו פארגעקומען אביסעל מחלוקת, אבער ה' קארטוז האלט די קאסע מיט א שטארקער האנד און לאזט נישט, אז עס זאל איהר געשעהן עפיס בייז.

זומער, ווען עס קומען צהין טשענסטאכאווער לעטניקעס, ארבייט ה' קארטוז זעהר אינטענסיוו, אז שבת ביי די עליות זאלען די טשענסטאכאווער דאטשניקעס מנדר זיין פאר דער גמילות-חסדים-קאסע.

יאנוב.

אמאל, מיט א הונדערט 50 יאהר צוריק, האט טשענסטאכאוו געהערט צו יאנוב. דארט האט מען מקבר געווען אונזערע מתים און אויך אויף די ימים נוראים איז מען דארט אהינגעפאהרען דאווענען.

היינט איז יאנוב א קליין פערווארפען שטעדטיל, מיט אנ'ארימע יודישע קהלה, כאטש זי פערמאגט א רב און דאזארעס.

ווען מיר האבען די יאנובער דאזארעס איבערגעגעבען, וואס מיר פערלאנגען פון זיי, האבען זיי זיך נישט לאנג פערטראכט, נאר האבען באלד צוגעזאגט אלץ מקיים צו זיין, צוגעבענדיג דערביי, אז אויב די טשענסטאכאווער קהלה הייסט, וועלען זיי אנדערש נישט טהון: מיר הארכען אלץ –האבען זיי ערקלערט–וואס די טשענסטאכאווער קהלה בעפעהלט.

ווי לאנג איז–האב איך מיר בעת מעשה געטראכט, ווי די יאנובער דאזארעס האבען מיט אונזערע זיירעס געלערנט בלק און מיר האבען געמוזט טאנצען אזוי, ווי זיי האבען געשפיעלט. היינט האט זיך די לאגע אינגאנצען געענדערט: היינט הערען זיי זיך צו אונזער בעפעהל און זענען איהם טאקע מקיים אויך.

פזשערוב.

איז שוין א גרעסערע יודישע קהלה מיט אנ'ערך 2 הונדערט יודישע פאמיליעס.

דארט זענען שוין אויך פערהאנען ארגאניזאציעס מיט פעראיינען, פערהאן א האנדווערקער ארגאניזאציע דאן א ציוניסטישע יוגענד-ארגאניזאציע און א שטארקע רעוויזיאניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע האט ערשט נישט לאנג געפייערט מיט א גרויסער פאמפע די ענטהילונג פון א פאהן.

פערהאן אויך אין פזשערוב א גמילות-חסדים-קאסע, וועלכע פראספערירט זעהר גוט און ערשט נישט לאנג האבען זיי אדורכגעפיהרט די אקציע פאר'ן מיליאן-קאמפיין, און אט טאקע וועגען דעם ווילען זיי מיר איבערגעבען צו פערעפענטליכען אין דער צייטונג. זיי ווילען, אז איך זאל שטעלען צום שאנד-סלופ די דאזיגע פזשערובער יודען, וועלכע האבען נישט געוואלט געבען אויף דער אקציע, און טאקע די יעניגע, וועלכע קאנען געבען: דאגעגען די פשוט'ע יודען, די בעלי-מלאכות און קליינהענדלער, האבען יא בייגעטראגען צו דער דאזיגער אקציע.

אמסטוב.

ס'איז אמאל געווען א גרויסע ישיבה, וואו ס'האבען געלערנט א סך בחורים פון אלע עקען פוילען, זאגאר דער גרויסער דיכטער ה. ד. נאמבערג איז געווען א תלמוד פון אמסטוב. היינט איז אויך נאך אין אמסטוב א ישיבה, כאטש נישט אין אזא גרויסען פערנעהם, ווי אמאל.

דער רב וואוינט–לויט אמסטוב–אין א פרעכטיגער וואוינונג, און די רביצין, וועלכע איז זעהר א אינטעליגענטע פרוי, האט אונז זעהר פיין אויפגענומען, מכבד זייענדיג מיט טהע און פערבייסען.

זיצענדיג ביים רב, האט מען ביים אפענעם פענסטער אריינגעווארפען שטיינער, דאס האבען די שכנ'ישע שקצים'לעך אויף אזא אופן מכבד געווען די נעסט.

קיין אפענע כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען, קומען אין אמסטאוו אפילו נישט פאר, נאר א שטילער באיקאט איז אבער יא פערהאנען. דערפאר זענען זיי זיך אבער נוקם אין די שויבען פון דער שוהל און בית המדרש, וועלכע זיי האקען כסדר אונבארחמנות'דיג אויס, אזוי, אז די קהלה האט בעשלאסען מעהר נישט אריינצומאכען קיין פרישע שויבען. די אינטערווענצען ביי דער פאליציי וועגען דעם, האבען גארנישט געהאלפען.

אין אמסטוב איז אויך פערהאנען א האנדווערקער-פעראיין, וועלכער פיהרט א געוויסע טעטיגקייט.

אמסטוב פערמאגט א גרעסערע צאהל יודישע טישלער, וועלכע ארבייטען אויס מעבעל פאר'ן טשענסטאכאווער מארק.

דער סך-הכל.

פון די דאזיגע אויבענדערמאנטע שטעדטלעך האב איך נאר דערצעהלט עטליכע קלייניגקייטען, פאקטיש אבער איז דא וועגען זיי צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

דער סך הכל אבער איז איינער און דער זעלבער: אין אלע שטעדטלעך לעבען די יודען אין גרויס דחקות און מאטערען זיך פאר זייער קיום.

א גרויסע ארימע יודישע מאסע, וועלכע איז צווארפען איבער שטעדט און שטעדטלעך און לעבען מיט'ן טאג, האפענדיג אויף בעסערע גליקליכערע צייטען.

ווען מען האט זיי אגיטירט מאסענהאפט אנטיילצונעמען אין די וואהלען צום סיים, האבען זיי די ערשטע פראגע געשטעלט: צי דאס וועט עפיס ברענגען א ישועה?

פערשטענדליך, אז מיר האבען זיי דערצעהלט דעם גאנצען אמת, דאס מיר גלויבען אין די הבטחות, וואס עס האבען אונז געגעבען די ערשטע הויפט-קאנדידאטען מינ. פאטשארקאווסקי און דיר. קאבילעצקי זיך צו פערנעמען מיט דער יודען-פראגע. און זיי, די דאזיגע יודען פון די קליינע שטעדטלעך, וועלכע זענען שוין אדורך „ס'קאלטע און ס'ווארימע" האבען געגלויבט, זיך בעגייסטערט און אלע, ווי איין מאן, האבען בעשלאסען צו שטימען פאר די דאזיגע צוויי קאנדידאטען. און זיי האבען עס טאקע אויסגעפיהרט.

די פראווינצער יודען האבען כמעט אין די גאנצע הונדערט פראצענט געשטימט בעת די וואהלען צום סיים, און נישט קוקענדיג אויף די דראהונגען פון די ענדעקעס, וועלכע האבען זיך געמאכט זייערע נעסטען אין די קליינע שטעדטלעך און דערפער. און אויף די פייניגונגען זענען די פראווינצער יודען דאך געגאנגען צו די וואהלען, טראכטענדיג, אז אפשר וועט אזוי ארום קומען די ישועה.

לויתן.

ווער האָט דאָס אויס־געטראַכט אַ וועקסעלע?

נישט פאַרהאַנען היינט קיין איין סוחר אין דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל זיך נישט שטענדיג צוברעכען דעם קאָפּ ווי אַזוי צו צאָהלען זיינע וועקסלען. נישט ווילענדיג וואַרפט זיך יעדען ז׳י שאלה: ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַ וועקסעל? זייט ווען זענען נולד געוואָרען וועקסעל־צאָהלונגען?

אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ווירטשאַפט איז בעקאַנט, אַז דער ערשטער וואָס האָט אויסגעשטעלט אַ וועקסעל איז געווען אַ יודישער וויין־סוחר פון ווילנא, שמואל לוי. ער האָט געלעבט אין 14 יאָהרהונדערט און פלעגט קויפען פון פראַנקרייך פיינע וויינען פאַר די רוסישע און פוילישע פריצים פון זיין געגענד.

אין יאָהר 1344 איז אין פראַנקרייך געווען גאָר אַ גרויס געראָטעניש אויף וויין. מ׳האָט ממש נישט געוואוסט וואָס מ׳זאָל טהון מיט אַזוי פיעל וויין. ווען שמואל לוי איז אין דעם יאָהר געקומען קיין פראַנקרייך איינקויפען וויין, האָט מען איהם געוואָלט פערקויפען וואָס מעהר. לוי האָט אָבער קיין סך נישט געקענט קויפען, ווייל ער האָט קיין געלד נישט געהאַט. ער האָט בכן די פראַנצויזישע וויין־הענדלער פאָרגעשלאָגען צו בעצאָהלען זיי דעם וויין ערשט עטליכע חדשים שפּעטער, ווען ער וועט דעם וויין פערקויפען. זיי האָבען איינגעוויליגט און האָבען איהם געהייסען אונטערשרייבען אַ קוויטונג, אַז ער איז שולדיג געבליבען פך וכך און אין דעם און דעם טאָג וועט ער דעם סכום בעצאָהלען.

דאָס איז געווען דער ערשטער וועקסעל, וואָך איז בעקאַנט געוואָרען אין דער ווירטשאַפטס־געשיכטע. שפּעטער האָט מען יאָהרענלאַנג פון קיין „וועקסלען" נישט געהערט. ערשט אין יאָהר 1380 האָט מען אויפ׳ן לייפּציגער יריד אָנגעהויבען האַנדלען אויף קרעדיט. ס׳איז דאַמאָלס געווען אַ שטאַרקער קריזיס. טויזענדער סוחרען זענען געקומען פון רוסלאַנד און פון פוילען, האָבען געבראַכט צו פערקויפען כל טוב, אָבער קיינער האָט קיין געלד נישט געהאַט צו קויפען.

בכדי נישט צו מוזען צוריקפאָהרען מיט די סחורות האָבען די סוחרים איינגעוויליגט צו פערקויפען זייערע סחורות אויף קוויטלעך, אין וועלכע דער מוכר איז זיך מתחייב צום צווייטען יריד — אין אַ האַלב יאָהר ארום — צו בעצאָהלען דעם סכום פון זיין קוויטונג. די פוילישע סוחרים ווידער האָבען איינגעקויפט אהיים פיעל סחורות און האָבען זיך אויך דורך קוויטלעך מתחייב געווען אין זעקס חדשים ארום די קוויטונג צו בעצאָהלען. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס רעגולערע וועקסעל־געשעפט.

די דאָזיגע וועקסלען האָט מען מסתמא בעצאָהלט, ווייל די געשיכטע דערצעהלט אונז, אַז אַזעלכע קרעדיט־געשעפטען זענען זייט דעמאָלס שטענדיג געמאַכט געוואָרען.

ערשט אין יאָהר 1760 זענען צום ערשטען מאָל אויסגעבראָכען פערשידענע מחלוקות בנוגע די דאָזיגע וועקסלען, דעמאָלט איז דאָס געלד פון פערשידענע לענדער געפאַלען אין קורס און די וועקסעל־בעזיצער האָבען געוואָלט מ׳זאָל זיי בעצאָהלען לויט דעם ווערט, וועלכען דאָס געלד האָט געהאַט בשעת מ׳האָט אויסגעשטעלט די וועקסלען. דאַמאָלס האָבען זיך די געריכטען צום ערשטען מאָל געמוזט בעשעפטיגען מיט וועקסעל־ענינים און האָבען טאַקי געפּסק׳נט, אַז מ׳מוז צאָהלען לויט׳ן פריהערדיגען ווערט.

אין איין וועגס ווערען מיר אויך געוואויר, אַז שוין אין 18־טען יאָהרהונדערט האָבען געלדער פון איינצעלנע מלוכות פערלוירען פון זייער ווערט. ס׳איז טאַקי אפנים: אין חדש תחת השמש...

ז. האָבער, וויען.

ווילנער נייעס.

די סיום = וואַהלען אין ווילנע.

ביי אַ טריב, רעגענדיגן וועטער האָבען זיך מיט אַ מוזיק־אָרקעסטער, וועלכער האָט אדורכמאַרשירט די שטאָדט אָנגעהויבען די וואַהלען.

אזוי קיהל ווי עס איז געווען די טעמפּעראַטור פון טאָג, אזוי קיהל זענען געגאַנגען די וואַהלען. מען האָט כמעט ווי גאָרנישט אָנגעזעהן, אז עס קומען פאָר וואַהלען. מען האָט נישט געשוויצט, נישט געריטען אויף מאָטאָציקלען א. ד. גל. בלויז וואָס ס׳איז געווען צו מערקען — דאָראָזשקעס, וואָס פיהרען אַלטע לייט און קראַנקע צו דער וואַהל־אורנע און וואָס פון צייט ווערען אויסגעקלעבט קאָמוניקאַטען וועלכע האָבען מוזיע געווען ווי עס האַלט מיט דער פרעקווענץ.

ווי שטיל עס איז צוגעגאַנגען האָבען דאָך אָבגעגעבען די שטימען קנאַפּע 6000 וואַהל־בערעכטיגטע אויף דער צאָהל 7200, וואָס מאַכט אויס איבער 80 פּראָצענט. יודען האָבען מאַסענהאַפט געשטימט.

די פרעקווענץ אין אַלגעמיין אין ווילנער פּאָוויאַט איז געווען 52 פּראָצענט.

די פרעקווענץ אין די אַרומיגע שטעדט איז געווען ווילנע—קנאַפּע 85 פּראָצ., ווילעדשאָוו—65 פּראָצ., פּראַשקא —60 פּראָצ., באַלעסלאָוויעץ—68 פּראָצ., לוטוטאָוו — 65 פּראָצ., דזיאַלאָשין—85 פּראָצ., אָסיאַקאָוו 60—פּראָצ.

די פרעקווענץ וואָלט זיכער געווען נאָך א־גרעסערע, ווען נישט דער פּאַטאַלער רעגען, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען פון פריה ביז נאַכט. בכלל האָט דער רעגען בעשווערט דעם גאַנג צו די וואַהלען אין די דערפער, וואו אויף מאַנכע ערטער איז צוצוגעהן ביז 8 קילאָמעטער צום וואַהל־אָבוואָוד.

גרויסער סוקצעס פון קאַנדידאַט ה׳ וויטאָלד נאָוויצקי.

דער היגער קאַנדידאַט צום סיים בירגערמייסטער ה׳ וויטאָלד נאָוויצקי האָט געצויגען אַן׳אונגעהויער גרויסע צאָהל שטימען, ווי קיין שום קאַנדידאַט אין גאַנצען פּאָוויאַט. ער האָט בעקומען די גרויסע צאָהל פון אַנ׳ערך 58.000 שטימען, דערפון פון ווילנער פּאָוויאַט 47.720 און די רעשט פון ראַדאָמסקער פּאָוויאַט.

אויך דער קאַנדידאַט, וואָס איז אַרויסגעשטעלט אין ראַדאָמסק ה׳ דאָמיניאַק דראַטוואַ האָט בעקומען די גרויסע צאָהל פון צירקאַ 41.000 שטימען. דערפון האָט איהם געגעבען דער ווילנער פּאָוויאַט 13.000 שטימען. דער קאַנדידאַט ה׳ באַרסקי פון ראַדאָמסק האָט בעקומען 18.000 שטימען, דערונטער פון אונזער פּאָוויאַט 2.564 שטימען. ה׳ קאָוואַלסקי פון ווילעדזשקאָוו האָט בעקומען די צאָהל פון צירקאַ 16.000 שטימען.

עס זענען אַלזאָ געוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַטען צום סיים: ה׳ וויטאָלד נאָוויצקי און ה׳ דאָמיניק דראַטוואַ.

אַ געריכטס־פערזאַמלונג פון קאָנגרעס.

שבת 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון די אַלגעמיינע ציוניסטען, אָקולנא 16, אַ בעריכטס־פערזאַמלונג פון 19־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אַלע חברים און סימפּאַטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

באַאָס אין די פּאָושעכנע שולען.

אין די פּאָושעכנע שולען הערשט נאָך צוליב דער פערגרעסערטער צאָהל קינדער אַ ווירוואַר, נישט האָבענדיג פאַר אַלע קיין אָרט. דער שעיר לעזאָול זענען, פערשטעהט זיך, די יודישע קינדער, מעהרסטענטייל פון די העכערע אָדדזיאַלען, וועלכע מען שיקט אמאָל אויפ׳ן בוגיי—וואו די קריסטליכע קינדער זאָלען זיי נישט וועלען צולאָזען— דא ווידער אהיים

מעלדונגען פון ברית הצה"ר.

דער ועד פון הצה"ר מעלדעט אַלע חברים און סימפּאַטיקער, דאָס עס זענען בעניט געוואָרען די שיחות־חברים, וועלכע זענען צוליעב די אַרבייטען צום גרינדונגס־קאָנגרעס איבערגעריסען געוואָרען. די שיחות קומען פאַר רעגולער יעדען פרייטאָג 9 אָוונד. די ערשטע שיחה אויף דער טעמאַ: „די ווייטערדיגע אויפגאַבען פון הצה"ר" קומט פאַר פרייטאָג, דעם 13 ד. ח.

— יעדען טאָג קומען פאָר פערזאַמלונגען פון הצה"ר און בית"ר געווידמעט דעם ערשטען קאָנגרעס פון נ. צ. אָ., וועלכער קומט פאַר אין וויען. עס ווערען בעהאַנדעלט און דיסקוטירט אַלע אַקטועלע פראַגען, וואָס שטעהן אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג פון קאָנגרעס.

— מיט גרויס ערפאָלג איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען די אַקציע פון די בעגריסונגס־קאַרטען צום גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נ. צ. אָ., אַדורכגעפיהרט דורכ׳ן קרן־תל־חי.

פאַרזיכטיג ביים גייהען.

אין דאָרף לאַגיעוואָניק האָט בעת׳ן נייהען אויף דער מאַשין זיך אָבגעבראָכען דער שפּיץ פון דער נאָדעל, וועלכער איז געשפּרונגען דער 18־יעהריגער אַנטאָנינאַ וויעלאָך אין שוואַרץ־אָפּעל פון אויג.

די אומגליקליכע האָט פערלוירען דאָס אויג.

גרויסער ספּאָרט יום־טוב פון ווילנער „מכבי".

זונטאָג, דעם 15 אָרדענט איין דער ספּאָרט־קלוב „מכבי" אויפ׳ן היגען סטאַדיאָן זיין יעהרליכען ספּאָרט יום טוב.

אין די די לייכט אַטלעטישע פּעמעסטוננגען וועלען אויך אַנטיילנעמען ספּאָרטלער פון די „מכבי"־פעראיינען פון גאַנצען ווילנער פּאָוויאַט. דער פּראָגראַם זעהט פאָר: 2 נ"מ — מאַרש פון ספּאָרט לאָקאַל צום מאָניסטראַט־פּלאַץ, וואו עס וועט ווערען געלעגט אַ קראַנץ אויף דער אַנדענקונגס טאָוועל פון מאַרשאַל פּילסודסקי, 2.30 — לייכט־אַטלעטישע פערמעסטונגען אויפ׳ן סטאַדיאָן. 8.30 — אַ דאַנסינג אין „מכבי־זאַל, וואו עס וועלען פערטיילט ווערען פרייזען פאַר די בעסטע ספּאָרטלער.

עס איז צו האָפען, דאָס די ווילנער יודישע בעפעלקערונג, האָבענדיג פערשטענדניש פאַר דער וויכטיגקייט פון פיזישער ערציהונג, וואָס עס איז די אויפגאַבע פון פעראיין, וועט ווי געהעריג אַנטיילנעמען און מאַסענהאַפט בעזוכען די אימפּרעזען.

ווידער אַ קרבן פון אַ בלוטיג געשלעג אויף אַ חתונה.

אין דאָרף לענקי, גמינע לוטוטאָוו, אויף דער חתונה וואָס איז פאָרגעקומען ביים פּויער טוטשקי איז צוליב אַ מיידעל אויסגעבראָכען אַ געשלעג צווישען די פּויערים־שקצים באַלעסלאָוו דאַטשמאַנסקי, וויצענטי ביעלאַך, יוזעף מאַרשאַלעק און בראָניסלאַוו שולץ. אין רעזולטאַט איז געפאַלען אַ שווערפערוואונדעטער, פון אַ זעץ איבער׳ן קאָפּ מיט אַ שטעקען באָלעסלאַוו קאַטשמאַרסקי, וועלכער איז מיט עטליכע שעה שפּעטער געשטאָרבען.

די אַנטיילנעמער אין געשלעג זענען געוואָרען אַרעסטירט.

דאָס איז שוין דער אונצעהליגער פאַל פון טויט־פאַלען אויף זאַבאַוועס און חתונות.

רעגיסטראַציע פון מענער געבוירענע אין יאָהר 1917.

ביז׳ן 30 סעפטעמבער דאַרפען זיך מעלדען אין ביוראָ פון מאַגיסטראַט מיט זייערע דאָקומענטען אַלע מענער, געבוירענע אין יאָהר 1917.

טשענסטאָכאָווער נייעס.

פאַר די וואַהלען צום סענאַט.

אין די אָרטיגע פּאָליטישע קרייזען ווערט לעבהאַפט אַרומגערעדט דער ענין פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון טשענסטאָכאָוו און טשענסטאָכאָווער קרייז אין סענאַט.

עס איז כדאי פעסטצושטעלען די פולשטענדיגע איינשטימיגקייט אין דער פראַגע, אַז טשענסטאָכאָוו, אַלס גרעסטע אינדוסטריעלע שטאָדט אין דער קעלצער וואָיעוואָדזטווע, מוז האָבען איהר פאָרשטעהער אין סענאַט.

די גרעסטע שאַנסען צו בעקומען דעם סענאַטאָרישען מאַנדאַט האָט דער דירעקטאָר פון מלוכה׳שען גימנאַזיום אויפ׳ן נאָמען פון ר. טרויגוט—דאָמיניק זביערסקי.

דיר. זביערסקי איז געבוירען אין טשענסטאָכאָוו און איז אַלט 45 יאָהר. פון יאָהר 1905 האָט ער גענומען אַן׳אַקטיווען אַנטייל אינ׳ם קאַמף פאַר דער פּוילישער שולע, אין דער אונאָבהענגיגקייטס־אַרבייט, צוזאַמען מיט׳ן יעצטיגען גענעראַל דרעשער איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע אָנפיהרער פון דער יוגענד, וועלכע האָט געאַרבייט פאַר דער אונאָבהענגיגקייט אויפ׳ן טשענסטאָכאָווער געביעט. אין יאָהר 1914, זייענדיג נאָך אַ סטודענט פון יאַגעלאָנישען אוניווערזיטעט אין קראָקאָ, איז ער געוואָרען שווער פערוואונדעט אין קאַמף הינטער לאַקטשובעק און דאַן גענומען געוואָרען אין געפאַנגענלאַגער, פון וואַנען ער איז ענטלאָפען ערשט נאָך 2 יאָהר.

דיר. זביערסקי איז אַ רעזערוו אָפיציר, בעזיצט אַן׳אונאָבהענגיגקייטס־קרייץ, אַ קרייץ פון דער ערשטער בריגאַדע און אַ לעגיאָנען־קרייץ. עטליכע יאָהר איז דיר. זביערסקי געווען פרעזעס פון קרייז־ראַט פון ב.ב.וו.ר. אין טשענסטאָכאָוו און אין יאָהר 1934 איז ער געוואָרען אויסגעוועהלט אַלס ראַטמאַן אין שטאָדט־ראַט.

צאָהלרייכע אַרעסטען אין טאָג פון די וואַהלען.

פערגאַנגענעם זונטאָג האָט די עפענטליכע זיכערהייטס־מאַכט אַדורכגעפיהרט אַ גרויסע צאָהל אַרעסטען אין דער שטאָדט און אין פּאָוויאַט. אין אַלגעמיין זענען געוואָרען פערהאַלטען אַרום 100 מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון „סטראָניצטוואָ נאַראָדאָווע".

פיעל פון די פערהאַלטענע האָבען געהאַט ביי זיך געפעהרליכע פאַר׳ן מענשליכען לעבען מכשירים. די איינצעלהייטען פון דער אויספאָרשונג ווערען דערווייל געהאַלטען אין געהיים.

אַדורכפיהרענדיג די דאָזיגע אַרעסטען האָט די מאַכט געהאַט אַלס ציעל צו פּאַראַליזירען די געפּלאַנטע אַרויסטרעטונגען, וואָס בעדראָהען דער עפענטליכער זיכערקייט.

וועגען ווייטערדיגען גורל פון די אַרעסטירטע וועט דעצידירען די געריכטליכע אויספאָרשונגס־מאַכט.

די פּראָדוקטען־געשעפטען וועלען ווערען פערמאַכט 9 אָוונד.

פון 1־טען אָקטאָבער וועט געענדערט ווערען די שעה פון צומאַכען די געשעפטען, וועלכע האַנדלען מיט אויבסט, צוקערוואַרג און קיהלענדע געטראַנקען.

דער פערקויף פון די דאָזיגע אַרטיקלען וועט פון 1 טען פּאַזדזיערניק פּאָרקומען נור ביז 9 אָוונד און נישט ווי ביז־איצט ביז 11 אָוונד.

די סטאַראָסטוועס וועלען גענוי קאָנטראָלירען די שעה פון פערמאַכען די דערמאָנטע געוועלבער.

איינגעפאַלען אַ טייל פון אַ קירכע־בנין.

אין דאָרף אָסטראָווקאַ איז איינגעפאַלען דאָס געוועלבינג פון דער דאָרטיגער ניי־געבויטער קירכע.

צום גליק איז נישט געווען קיין צופאַל מיט מענשען.

די סיבה פון אָראָבפאַלען פון די 5־מעטער ברייטע געוועלבינג איז געווען דאָס, וואָס ס׳איז נישט געווען קיין דאַך און די רעגענס האָבען אַדורכגעווייקט די געביידע.

דער קאַמף מיט געהיימער שחיטה.

דורך קאָנטראָלערען פון שטאָדטישען שחט־הויז איז 3 אַ זייגער פאַרטאָגס פערהאַלטען געוואָרען אויף סאָבינאַווסקא גאַס אַ וואָגען, וואָס געהער צום צווייטעלער פון לעבענסמיטעל פּראָדוקטען פאַר׳ן מיליטער, באָלעסלאַוו לעוואַנדאָווסקי, וואַרשאַווער 41.

אינ׳ם דאָזיגען וואָגען האָט זיך געפונען פלייש, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר׳ן 7־טען אַרטילעריע־פּולק. בעת דער אַדורכגעפיהרטער רעוויזיע איז געוואָרען פעסטגעשטעלט, אַז צווישען דעם לעגאַלגע׳שחט׳ענעם פלייש געפינט זיך 84 קילאָ פלייש פון געהיימער שחיטה, צוליעב וואָס דאָס דאָזיגע פלייש איז געוואָרען קאָנפיסקירט און דער אייגענטימער איז געוואָרען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

אויסער דעם זענען געוואָרען פערהאַלטען: דער קאַמיקער איינוואוינער ענזעל, ביי וועלכען ס׳איז געוואָרען געפונען 20 קילאָ קעלבער־פלייש פון געהיימער שחיטה און אויך יחזקאל קראַוטשיק פון וואַשינגטאָנא גאַס, וועלכער האָט געפיהרט 4 קילאָ וואורשט פון געהיימער שחיטה. קראַוטשיק און ענזעל זענען געוואָרען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט און דאָס פלייש איז געוואָרען קאָנפיסקירט.

ענדערונגען אין דער סטאַראָסטווע.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען אין דער שטאָדטישער סטאַראָסטווע פאָרקומען מאַנכע ענדערונגען, וואָס בעשטעהען הויפּטזעכליך אין דעם, אַז די ביז־איצט עקזיסטירענדע געמיינזאַמע אַדמיניסטראַציע און אינדוסטריעלע־אָבטיילונג וועט פונאַנדערגעטיילט ווערען אויף צוויי בעזונדערע רעפעראַטען: אַדמיניסטראַטיווער און אינדוסטריעלער.

דער ביזאיצטיגער לייטער פון דעם דערמאָהנטען אַדמיניסטראַטיוו אינדוסטריעלען רעפעראַט מגר. יאַן ניעוויאַדאָמסקי איז איבערגעטראַגען געוואָרען אויפ׳ן אַמט פון לייטער פון שטראַף־רעפעראַט אין אַלקוש.

רעפ. ניעוויאַדאָמסקי׳ס אַמט אין דער טשענסטאָכאָווער סטאַראָסטווע האָט איבערגענומען מגר. ראָמאַן מאַרושעוויטש, וועלכער איז ביז איצט געווען רעפערענט אין אַלקוש. דער נייער רעפערענט פון דער אינדוסטריעלער אָבטיילונג מגר. היבערסקי איז איבערגעטראַגען געוואָרען נאָך טשענסטאָכאָוו פון וואָיעוואָדישען אַמט אין קיעלץ.

שרפה אין דער האָלץ־פאַבריק „סטרוג".

אין דער פאַבריק פון האָלץ־אויסאַרבייטונגען „סטרוג" אויף אָלשטינסקא 3, וואָס געהער צו די ברידער קאָפּינסקי איז אויסגעבראָכען אַ שרעקליכע שרפה, וועלכע האָט בעדראָהט דעם תפיסה־בנין און די לאַגערן פון דער עלעקטראָווניע, וואו ס׳האָט זיך געפונען פיעל אייל און פערשידענע אַנדערע לייכט־ברענענדע מאַטעריאַלען.

ווען נישט די ענערגישע רעטונגס־אַקציע פון די פייערלעשער, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ גוטען רעזולטאַט, וואָלט וואַרשיינליך דערגאַנגען צו דער עוואַקואַציע פון דער תפיסה.

נאָך עטליכע מינוטען האָבען די פייערלעשער געלאָזט אין בעוועגונג דריי מאָטאָר־פּלימפּען און צוויי הידראַנטען. נאָך אַ האַלבע שעה איז דאָס פייער געוואָרען איינגעלאָשען. דאָס לעשען דאָס פייער האָט נאָך דאַן געדויערט 2 שעה. אַ טייל פון די האָלץ־אויסאַרבייטונגען איז געוואָרען פערברענט. אויך דער דאַך פון דער פאַבריק איז אויף עטליכע ערטער געוואָרען פערברענט.

דער שאָדען בעטרעפט עטליכע טויזענד זלאָטעס.

12 שעהנע וואונשקאַרטען 1 זל.

פיהרט אויס די

דרוקעריי

ב. באָטשאַן

אַלעע 6 — טעלעפאָן 22-01.

גרויסע שרפה אין רייכמאַנ׳ס מיהל אויף טאַרטאַקאָווע גאַס.

נעכטען אָרום האַלב 4 פאַרטאָגס איז אויסגעבראָכען א ריזיגע שרפה אין דער מיהל פון דער פירמע ש. רייכמאַן און ראָזענצווייג אויף טאַרטאַקאָווא 29—15. די איינוואוינער פון דער דאָזיגער גאַס זענען אויפגעוועקט געוואָרען פון שלאָף דורך די אַלאַרם-סיגנאַלען פון דער טאַרטאַק-סירענע און ווען זיי זענען צו צו זייערע פענסטער האָבען זיי דערזעהען ווי די גאַנצע געביידע פון דער מיהל שטעהט שוין אין א ים פון פלאַמען און געדיכטען רויך.

עטליכע מינוט שפּעטער זענען אויפ׳ן אָרט פון דער שרפה אָנגעקומען די פייערלעשער. ס׳איז שוין אָבער געוועזן אוממעגליך אָבצוראַטעווען דעם בנין פון דער מיהל און די פייערלעשער האָבען נישט געקענט מעהר טהון ווי לאָקאַליזירען דאס פייער, וועלכעס האט בעדראָהט זיך אריבערצוכאַפּען אויף דער דערנעבען-שטעהענדער טאַרטאַק-געביידע פון דער פירמע רייכמאַן און אַנדערע שכנות׳דיגע הייזער. ווי שטאַרק דאס פייער האט געבושעוועט בעווייזט דער פאַקט, אַז בלויז פון דער היץ האָבען זיך אָנגעצינדען דער דאַך און די וואַנד פון דער שכנות׳דיגער ביורא-געביידע, וועלכעס געפינט זיך אַנ׳ערך 15 מעטער פון דער מיהל. די געפאַהר פון דער שרפה איז נאָך געוועזן אויף אַזויפיעל גרעסער, אַז אויפ׳ן פלאַץ זענען געלעגען פיעל ברעטער פון טאַרטאַק. אויב דאס פייער וואָלט זיך אלזא געוועזן פערשפרייט וואָלט עס געקענט אַרומכאַפּען די גאַנצע גאַס. צום גליק איז אָבער די פייערלעשער געלונגען די פלאַמען צו בעהערשען און די געפאַהר צו בעזייטיגען. אין בנין פון דער מיהל האט מען אָבער גאָרנישט געקענט אָבראַטעווען און דאס פייער האט בליץ-שנעל אַרומגענומען אַלע דריי שטאָק און פערניכטעט אַנ׳ערך 300 טויזענד קערץ תבואות ווי אויך די גאַנצע איינריכטונג אַזוי, אַז עס זענען בלויז געבליבען די הוילע אדורכגעברענטע ווענט, וועלכע דראָהען איינצופאַלען.

די סיבה פון דער שרפה איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. די אַרבייטער, וואס האָבען ביינאַכט געאַרבייט אין דער מיהל האָבען פלוצים דערשפירט א רויך און איידער זיי האָבען געקענט פעסטשטעלען פון וואַנען דאס קומט, האָבען שוין אַרויסגעשלאָגען פלאַמען און זיי האָבען קוים געקענט ענטלויפען מיט׳ן לעבען, איבערלאָזענדיג אין דער מיהל זייערע זאַכען און ראָוועראָן.

דער שאָדען, וועלכען די שרפה האָט גורם געווען איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. די תבואות און דער בנין זענען טיילווייז געווען אַסעקורירט.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ׳אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן.
2) רעטאָשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט).
3) כעמיש רייניגען און פּאַסאַזשירען קאַפּעלושען.
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

טיכטיגער יונגערמאַן מיט 5.000 זל. קאַפּיטאַל

וויל צוטרעטען אלס שותף צו אָ גוט פּראָספּערירענד געשעפט אָדער פאַבריקאַציע.

אָפּערטען אין אַדמיניסטראַציע אַלעע 6 פאַר Ch R.

ענטוזיאַסטישע אויפנאַהמע פאַר די זעלנער פון דער 7-טער דיוויזיע.

נעכטען נאָכמיטאָג זענען צוריקגעקומען אין שטאָדט פון די זומער-מאַנעווערס די פּולקען פון דער 7-טער פּיעכאָטע-דיוויזיע מיט׳ן נייעם אָנפיהרער פון דער דאָזיגער דיוויזיע גען. יאַנוש גאָנשאָראָווסקי אין דער שפּיץ.

די פייערליכע אויפנאַהמע פאַר די אהיימקומענדע זעלנער, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרען דורך א ספּעציעלען קאָמיטעט, איז אויסגעפאַלען אימפּאָזאַנט. באַלד נאָכמיטאָג האָט מען געקענט זעהען הונדערטער שול-קינדער מיט בלומען אין די הענד, וועלכע זענען געגאַנגען צו די גאַסען, וואו די סאָלדאַטען האָבען געזאָלט אַדורכגעהן. אַלע הייזער פון די דאָזיגע גאַסען זענען געווען דעקאָרירט מיט פעהנער און אויף די טראָטואַרען פון ביידע זייטען האָבען די קינדער געבילדעט לאַנגע שפּאַלערען צווישען וועלכע דאס מיליטער האָט פערביימאַרשירט, ווערענדיג בעוואָרפען פון אַלע זייטען מיט בלומען אונטער דער בעגלייטונג פון די בעגריסונגס-אויפגעשרייען פון די שילער און פערזאַמעלטע. דאס מיליטער איז אָנגעקומען פון דער זייט פון קאָשטשושקי גאַס, מאַרשירענדיג צום מאַגיסטראַט-פלאַץ, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די דעפילאַדע. אויפ׳ן מאַגיסטראַט-פלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרען א ספּעציעלע טריבונע, אויף וועלכער עס האָבען זיך געפונען גען. גאָנשאָראָווסקי מיט זיין שטאַב, שטאָדט-פּרעזידענט מאַצקעוויטש, סטאַראָסטאַ ה׳ ראַגאָווסקי און פיעל פערשידענע רעגירונגס, קאָמונאַלע און אַנדערע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע די גאַנצע דיוויזיע האָט פערביידעפילירט ביי אָרקעסטער-קלאַנגען. עס האָבען מאַרשירט די זעלנער פון 74-טען לובלינצער פּולק, אָבטיילונג פון 5-טען פּולק, דאַן דער 27-טער פּיעכאָטע-פּולק און דער 7-טער פּולק לייכטע אַרטילעריע.

נאָך דער דעפילאַדע האָבען די זעלנער אָבמאַרשירט אין די קאָשאַרען.

צוגענומען 15 קילאָ סאַכאַרין ביי א שמוגלער.

אויף דער באַהן-סטאַציע האָט א דיזשורירענדער פּאָליציאַנט צופעליג בעמערקט אַז עפּיס אַנ׳אומבעקאַנטער בעמיהט זיך צו בעהאַלטען אונטער׳ן וואַגאָן פון צוג, וואס איז געשטאַנען אויף א זייטיגער באַהן-ליניע, א בעדייטענד פּעקעל. דערזעהענדיג דעם פּאָליציאַנט האָט דער פרעמדער געפּרובט ענטלויפען. ער איז אָבער גלייך פערהאַלטען געוואָרען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאס איז דער בעקאַנטער שמוגלער, אַלעקסאַנדער וואַשינסקי (סאָביעסקי גאַס 86). אין דעם פּעקל האָט די פּאָליציי געפונען 15 קילאָ סאַכאַרין.

ענטדעקט א דעפּרוידאַציע פון 9 טויזענד זלאָטעס אין אַנשטאַלט פון געגענזייטיגע פערזיכערונגען.

דעם 9 ד. ח. איז דורך אַגענטען פון היגען אויספאָרשונגס-אַמט פערהאַלטען געוואָרען דער אינקאַסענט פון אַנשטאַלט פון געגענזייטיגע פערזיכערונגען, טאַדעאוש לעמאַנסקי (3 מאַי-גאַס 12).

לויט ווי ס׳איז בעת דער אויספאָרשונג פּראָוויזאָריש בערעכענט געוואָרען האָט לעמאַנסקי דעפּרוידירט אָרום 9 טויזענד זל., וועלכע ער האָט איינקאַסירט ביי פערשידענע איינוואוינער פון טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט אלס פּייערקאַסע.

די דעפּרוידאַציע האָט לעמאַנסקי אויסגעפיהרט שוין זינט א לענגערער צייט, קאָמבינירענדיג מיט׳ן געלד, וועלכעס ער פלעגט צו-ביסלעך איינצאַהלען, אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער האָט דעם שווינדעל נישט בעמערקט און לעמאַנסקי האָט דורך דער צייט בעוויזען צו דעפּרוידירען 9 טויזענד זל.

בעת דער אויספאָרשונג האָט זיך לעמאַנסקי מודה געווען צו דער שולד, פערטיידיגענדיג זיך, אַז ער איז דערצו געצווינגען געוואָרען דורך די שווערע מאַטעריעלע בעדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען.

לעמאַנסקי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון אויספאָרשונגס-ריכטער.

געשטאָרבען דער דריטער קרבן פון דער בלוטיגער טראַגעדיע אין ראַטשין.

מיר האָבען שוין געמאָלדען וועגען דעם טראַגישען פאַל אין דאָרף ראַטשין, וואו דער יונגער פויער גלאַבוס האָט אויפ׳ן ערטישען באַדען דערשאָסען זיין געליבטע, ווי אויך שווער פערוואונדעט איהר מוטער און דאַן — זיך דערשאָסען.

נאָך צוויי וואָכען שווערע ליידען איז די פערוואונדעטע 40 יעהריגע יוזעפאַ מיידאַ דעם זונטאָג געשטאָרבען אין ווילונער שפּיטאָל.

פון י.ט.ס.פ. „מכבי".

פערענדיגט דעם באָקסער - קורס.

דער 30-שעה׳דיגער באָקסער-קורס, וועלכער איז געוואָרען אָנגעפיהרט דורכ׳ן באָקס - אינסטרוקטאָר ל. פּזשעראָווסקי האָט זיך פערענדיגט פאָריגען שבת.

די אָנטיילנעמער אין קורס האָבען, א חוץ פּראַקטישע אָנווייזונגען, אויך בעקומען טעאָרעטישע בילדונג אין היגיענע פון באָקס-ספּאָרט.

אין קורס, וועלכען ס׳האָט איינגעאָרדענט דער אָרטיגער „מכבי" האָבען זיך בעטייליגט 50 מיטגלידער.

דער „ערשטער באָקסער - שריט" אין טשענסטאָכאָוו.

שבת און זונטאָג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען דער „ערשטער באָקסער-שריט" פון פריש-אויסטרענירטע באָקסער פון „מכבי".

די קאַמפען זענען געשטאַנען אויף א גענוג הויכען טעכנישען ניוואָ, אַזוי, אַז מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, דאס אויפ׳ן רינג געפונען זיך אַלטע דורכטרענירטע באָקסער. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען די צוויי באָקסער פּיעפּזש און דילעווסקי, וועלכע בעזיצען שוין איצט א גאַנץ שעהנע טעכניק און קענען אין דער צוקונפט פיעל דערגרייכען אלס באָקסער.

דער אינסטרוקטאָר ל. פּזשעראָווסקי האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַנ׳ערשט-קלאַסיגען באָקס אינסטרוקטאָר.

אין דעם ניי געשאַפענעם טשענסטאָכאָווער און זאַגלעמביער באָקס-קרייז זענען פון טשענסטאָכאָוו אויסגעוועהלט געוואָרען: אלס וויצע-פּרעזעס פון קרייז פּאָרוטשניק דאָבראָוואָלסקי (בריגאַדאַ), פּאָרזיצער פונ׳ם אַמט פאַר ספּאָרט-ענינים ה׳ ל. ווייס (מכבי) און אלס פּאָרזיצער פון ריכטער-קאָלעגיום ה׳ ר. בריל (מכבי).

דער קרייז ווייזט אַרויס א לעבהאַפטע טעטיגקייט און אין קורצען וועלען זיך שוין אָנהויבען די מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון טשענסטאָכאָווער און זאַגלעמביער קרייז.

דער ספּאָרט-יום-טוב אין טשענסטאָכאָוו.

דעם 21-טען און 22-טען ד.ח. פייערט דער אָרטיגער „מכבי" זיין 20-יעהריגען יובילעאום. די צוגרייטונגען צום יובילעאום זענען אין פולען גאַנג. מעלדונגען פון ספּאָרטלער פון אַנדערע שטעדט, וועלכע וועלען אָנטייל נעמען אין ספּאָרט-יום-טוב קומען כסדר אָן.

צוליב דעם, וואס די ספּאָרטלער פון טשענסטאָכאָווער „מכבי" געפינען זיך אין א זעהר גוטער פאָרם, וועלען די ספּאָרט-קאַמפען זיין זעהר אינטערעסאַנט.

ספּעציעלע איינטריטס-קאַרטען פאַר די פּרעסע-פאָרשטעהער וועלען אַרויסגעגעבען ווערען דאָנערשטאָג, דעם 19 ד.ח. אין לאָקאַל פון דער קאַנצעלאַריע פון 8 ביז 9 א זייגער אָוועַנד. די פּרעסע-פאָרשטעהער וועלען בעקומען ספּעציעלע צוגעגרייטע פּלעצער.

א. וו—סקי.

הסתדרות „המזרחי", „תורה ועבודה", „בעלי מלאכה דתיים".

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

שוין די העכסטע צייט צו בעזאָרגען זיך מיט בילעטען צום דאַווענען אין די ימי-נוראים אין

הערליכען לאָקאַל פון „מזרחי". אַלעע 10, 2-טער שטאָק

וואו עס וועט ווערען געדאַוונט מיט גוט-איינשטודירטע בעלי-תפלות און מיט אַלע נויטיגע בעקוועהמליכקייטען, גלייכצייטיג צו זעהר צוגענגליכע פּרייזען - פאַר מענער אוןֹ פרויען.

מיטגלידער ווערען דיסציפּלינאַריש אויפגעפאָדערט און סימפּאַטיקער ווערען העפליך געבעטען נישט צו פערזוימען, נור בעצייטענס צו קומען אין אונזער סעקרעטאַריאַט, וואו מ׳בעקומט בילעטען יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָוועַנד.

RODZICE ŻYDZI!

Wychowujcie dzieci swoje w duchu narodowym żydowskim!
Oddajcie dzieci swoje do jedynej i znanej od lat 25-ciu

KOEDUKACYJNEJ 7-io KL. PRYWATNEJ SZKOŁY POWSZECHNEJ

z prawami szkół państwowych

Balbiny Wajnberg-Szlezyngierowej

która pod nowem kierownictwem pedagogicznem Absolwentki Uniw. Warsz. oraz Państwowego Studjum Pedagogicznego w Warszawie

MAGISTRA POLONISTYKI T. WAJNBERŻANKI

przyjmuje zgłoszenia nowowstępujących do wszystkich klas.
Kancelarja Szkoły przy ul. Aleja 8 czynna codziennie od 9—13.
Nauki judaistyczne w szerokim zakresie pod kierownictwem wytrawnego i znanego z długoletniej praktyki Prof. B. WAJNBERGA.
Dla niezamożnych dalekoidące ulgi.

Istniejące od 25-ciu lat

Roczne Kursy Handlowe, półroczne i 3 mies. Buchalteryjne

zatwierdzone przez Ministerstwo W. R. i O. P. № 20902/18 pod kier.

R. German-Szumacherowej

przyjmują zapisy kandydatów(ok). Kończącym wydaje się ŚWIADECTWA

Kancelarja: ul. Dąbrowskiego 11, mieszk. 5,

front 2-gie piętro, tel. 22-75.

Tamże I-sza szkoła pisania na maszynach.

TORGSIN
OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC.
MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14

אַנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:
Bank Gospodarst. Krajowego און אבטיילונגען
Bank PKO. (22.000 קאָנטע) און אָבטיילונגען
Państwowy Bank Rolny (פּ.ק.אָ. ביי אַלע פּאָסט-
Pow. Bank Kredytowy S. A. און אבטיילונגען
Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D/B T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku און אַנדערע
חקרט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.

פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.

אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט „היאַס"
Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

דער טאַרפעדאָ-צוג האָט א קנאַפּען ערפאָלג.

דער טאַרפעדאָ-צוג, וועלכער קורסירט זינט די ערשטע טעג פון לויפענדען חודש אויף דער ליניע וואַרשא—קאַטאָוויץ האָט דערווייל נישט קיין גרויסען ערפאָלג ביי די רייזענדע. די ערשטע סיבה דערפון איז דער הויכער פּרייז פון די בילעטען, וועלכער בעטרעפט אַנ׳ערך 26 זל. אויך דער רייזע פּלאַן פון טאַרפעדאָ-צוג איז נישט גינסטיג פאַר א גרויסען פּאַסאַזשירען-פערקעהר, ווייל באַלד נאָכ׳ן אָוועקגעהן פון מאָטאָר-צוג געהען אָב סיי פון וואַרשא סיי פון קאַטאָוויץ שנעל-צוגען, פון וועלכע די פּאַסאַזשירען ווילען בעסער געניסען, כדי זיך איינצושפּאָרען דעם פּרייז-אונטערשיד.

עהרנעכטען איז מיט׳ן טאַרפעדאָ-צוג געשעהען א צופאַל. דער מאָטאָר איז אין מיטען וועג קאַליע געוואָרען און די פּאַסאַזשירען זענען געקומען נאָך טשענסטאָכאָוו מיט א ספּעציעל אַרויסגעשיקטען צוג.

א טיכטיגער אַגענט,

וועלכער קאָן האָבען א געזיכערטע פרנסה

ווערט געזוכט.

ווענדען זיך אין דער קאַיעטען-פאַבריק, ווילסאָנא 20.

KINO „EDEN".

די לעצטע טעג!
טראָץ די גרויסע קאָסטען צוגלייך מיט וואַרשא!

PANIENKA Z POSTE RESTANTE

פּרעכטיגע פּוילישע מוזיק. - קאָמעדיע מיט אַלמאַ קאַר א. א.

Kino „LUNA"

צוגלייך מיט וואַרשאַ!
די ליבלינג סילוויאַ סידני
אין פילם

CZAR MŁODOŚCI

איבער׳ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבען.

יעדען טאָג 1 סעאַנס
KLEOPATIA
אָנהויב 3.30 נאָכמ. צו 25 און 40 גר.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.